ב"ה

# אין ליכט פון תורה

ספר

# אמת ואמונה

אידיש

659

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ט לפ"ק

ספר

# אמת ואמונה

אינד דיזען ספר ווערט ערצייהלט זייער וואונדערליכע זאכין וואס עס האט זיך פאסיערט בייא דיזע צדיקים זכותם יגן עלינו

א) א געשיכטע וואס עס האט זיך פאסיערט מיט דעם גאון ר' שמשון ווינער.

ב) א ערצעהלונג פון הגאון הקדוש ר' אהרן קארלינער:

ג) א דין תורה פער דרייא גרויסע צדיקים המגיד מקאזעניץ, דער רבי פון לובלין, הרב מאפטא.

ד) א וואונדערליכע געשיכטע פון בעל הפלאה:

ה) א וואונדערליכע געשיכטע פון הרב הגאון בעל התניא דער מחבר פון שלחן ערוך:

ווארשא

שנת תרפ"ז לפ"ק

# אמת ואמונה

## אַ ווּנְדֶערְלִיכֶע גֶעשִׁיכְטֶע פוּן הַגָאוֹן הַצַדִיק ר׳ שִׁמְשׁוֹן וָואס מֶען הָאט אִיהם גֶערִיפֶען מִיט דֶעם נָאהְמֶען ר׳ שִׁמְשׁוֹן ווֶינֶער זי״ע:

עֶס פלעגט זיין איין מנהג ביי יודין אַז יעֶדער מעֶנטש וואס עֶר האָט געוואָלט איין איידעם עֶר זאָל זיין איין תלמיד חכם פלעגט ער פאָהרין אין דער ישיבה ארייַן אונ האָט זיך אויס גיקליבין איין בחור, וואָרום דעֶנסטמאָלט איז נאָך דיא תורה חשוב געווען בייא אלע מענטשין מען האָט געוואוסט אַז יעֶדער וואָס השי״ת האָט איהם מזכה גיוועֶן מיט עשירות האָט עֶר זיך צום ערשטין אויס גיזוכט איין גוטין איידעֶם וואָס האָט גיקאָנט גוט לעֶרנעֶן אונ האָט גינומען דעֶם איידעֶם נאָקעט און באָרוועֶס אונ האָט איהם אויס גיקלייד אונ האָט איהם חתונה גימאַכט מיט זיין טאָכטער:

אַמאָהל איז גיקומעֶן איין רעֶנדאַר אין דער ישיבה אַריין עֶר זאָל זיך אויס קלויבין איין. בחור איין בן תורה פאַר איין איידעֶם וויא דער רעֶנדאַר איז נאָר גיקומעֶן אין דער ישיבה אַריין איז איהם גיפעֶלין דער גאון רבי שמשון ווינער זיין זכות זאָל אונז בייא שטיין וואָרום עֶר איז טאַקע גיוועֶן אַשיינער מעֶנטש, האָט דער רעֶנדאַר גיגעֶבין פאַר דעֶם בחור צו דעֶם וואָס ער האָט גיהאַלטין דיא ישיבה צוויא הונדערט רענדליך אונ דעֶם בחור האָט עֶר מיט זיך מיט גינומען, עֶר איז צו מזל אהיים גיקומעֶן מיט גרויס שמחה אונ האָט גימאַכט דיא חתונה מיט גרויס שמחה אונ וויא עס איז גיקומעֶן בייא דער נאַכט האָט מעֶן גימאַכט דיא סעודה:

דיא מחותנים האָבין זיך גאָר שטאַרק גיפרייט זייא האָבין זיך אַלע גילייגט שלאָפין און נאָך דיא חתונה איז אַראָפ אפייער פון דעֶם הימיל אונ עֶס האָט אַלעס פאַר ברעֶנט. אַטייל וואָס זענין גיקומען צו פאָהרין אויף דער חתונה זענין פאַר ברענט גיוואָרין אונ אטייל

אמייל זענין אַנטלאָפין גיוואָרין מיט דעם לעבין אונ דער רענדאַר מיט זיין ווייב אונ דאָס גאַנצע בני בית זענען פאַר ברענט גיוואָרין. אונ דיא חתן כלה זענען אַנטלאָפין גיוואָרין מיט דעם לעבין זייא האָבין איינים פון דעם אַנדערין ניט גיוואוסט. דער חתן האָט זיך בעהאַלטין אין וואַלד אונ דיא כלה האָט זיך בעהאַלטין אינטער דיא ביימער. עס איז גיקומען אונ דרייא טעג האָט זיך דער גאון משער גיוועזן אַז דאָס פייער איז שוין גישטילט גיוואָרין. איז דער גאון אַרויס פון וואַלד אונ ער איז גיבליבין שטיין מיט עגמת נפש ער האָט ניט גיוואוסט צו דיא כלה איז פאַר ברענט גיוואָרין צו ניט אונ ער האָט ניט גיוואוסט וואָס צוא טאָהן. האָט ער בייא זיך אָפּ גיפּאַסט ער זאָל אַוועק גיין צוריק אונ דער ישיבה אַריין צו זיין רבי'ן ער זאָל דאָרטין זיצין אונ לערנען אזוי ווייא פריער :

עס האָט ניט לאַנג גידויערט איז גיקומען איין גביר פון ווין אונ דער ישיבה אַריין ער זאָל זיך אויס קלויבין אַ חתן פאַר זיין טאָכטער וועגין, ער האָט זיך אויס גיקליבין דעם גאון ר' שמשון. אונ וויל דער גאון איז גיוועזן אַגרויסער חכם האָט ער זיך אויס גיבימען פיהל תנאים מיט דעם עושר אונ דאָס איז גיוועזן בייא איהם דיא ערשטע תנאים וואָס ער האָט זיך אויס גינומען אַז דרייא חדשים פאַר דער חתונה זאָל מען שיקען בריף אונ אַלע שטעדט אַריין אַז מען זאָל וויסין אַז דער אונ דער גביר פון ווין נעמט דעם ר' שמשון פון דער און דער ישיבה אונ מען וועט געבין מתנות צו די אָרעמע לייט זיבען טאָג עסין אונ טרינקין ווער עס וועט קומען קיין וויען :

דער גביר איז מרוצה גיוואָהרין אויף דער זאַך וואָרים דער גאון האָט זיך גיטראַכט אפשר לעבט נאָך זיין ערשטע ווייב איז זיא בוודאי איין אָרים מענטש וואָרום איר פאָטער אונ מוטער איז גישטאָרבין בוא ווער האָט איר צו געבין עסין איבער דעם אַז זיא וועט הערין אַז מען גיט אונ וויען עסין אונ טרינקען אונ געלד, וועט זיא אפשר קומען און וויל דעם גביר איז גיפעלין דעם חתן איז דער גביר מרוצה גיוואָרין אַז מען זאָל שרייבין בריף אונ יעדער שטאָדט אַז ער מאַכט חתונה זיין טאָכטער אונ ער וועט געבין עסין און טרינקען אונ געלד דער צו אויף יעדער וואָס ער וועט נאָר קומען אויף דער חתונה. אין אַלע אָרימע לייט פון דער גאַנצער וועלט זענען געקומען קיין וויען :

הגאון

הגאון ר' שמשון האט גינומען א מענטש אונ האט איהם גיזאגט אז יעדער ארימאן וואס וועט קומען אויף דער התונה זאל מען אויף שרייבין דעם נאמען וויא ער הייסט, עס איז אזוי גיוועזן מען האט גיגעבין עסין אונ טרינקען אונ געלד אונ אלע פאר נאכט איז גיגאנגין הגאון רבי שמשון וויגער צו דעם מענטש ער זאל דעם טאג צעטיל איבער לייענען אויב עס געפינט זיך ניט דער נאמען פון זיין ווייב. בקיצור ער האט ניט גיפונען דעם נאמען פון זיין ווייב וויא זיא האט גיהייסין רבקה בת משה ישראל אדער אזוי איין גלייכין. וויא עס איז גיוועזן דער זיבעטער טאג איז ער גיקומען איבער לייענען דעם טאג צעטיל האט ער גיפונען שטיין דעם נאמען פון זיין ווייב. האט ער גיפרעגט אויף איהר מען זאל זיא איהם ווייזין איז גיגאנגין דער שומר בית הנשים אונ האט אויף איהר גוויזען מיט דעם פינגער. האט ער זיא דער קענט אז דאס איז זיא. האט דער גאון גיזאגט צו דעם שומר וואס ער היט אז מען לאזט אהיים אלע ארימע לייט אונ מען גיט זייא מתנות. זאל ער אויף האלטין דיא אשה וואס זיא הייסט רבקה בת משה ישראל. נאהר ער זאל איר ווייזען איין באזונדער חדר אונ הויף זי זאל דארטין נעכטיגין :

דער ממונה האט אזוי גיטוהן. אזוי וויא מען האט איהם גיהייסין, וויא ער האט אויף גיהאלטין דיא אשה האט זי כארכט גיהאט אפשר וויל מען פון איר חס ושלום שפעטין. האט זיא גיזאגט צו דעם ממונה וואס פאר איין עבירה האסטו אונ מיר גיפונען וואס די ווילסט מיך ניט אהיים לאזין, האט דער ממונה גיזאגט איך שווער בייא מיין לעבין אז גאהר קיין שום עבירה האב איך ניט גיפונען אונ דיר נאר מען האט מיך אזוי גיהייסין טאהן. אונ וויא עס איז גיקומען וויא האלבע נאכט איז דער חתן אויף גישטאנען פון זיין גילעגער אונ האט זיך מיט גינומען אליכט אונ הנגד אונ איז גיגאנגין צו דער ארעמער אשה אונ איהר שטיביל אריין וויא זיא האט דארט גינעכטיגט ער זאל מיט איר ריידין. ער האט זיא אויס גיפרעגט האסטו נאך אפאטער אונ מוטער אברודער אקרוב האט זיא גיזאגט ניין, האסט דיא א מאן האט זיא ניט גיענטפערט נאר גיזיפצט. האט ער זיא נאך אמאהל גיפרעגט האסטו איין מאן האט זיא גיזאגט איך האב גיהאט אמאן נאר ווער ווייסט אויב ער לעבט האט ער זיא גיבעטין זיא זאל איהם דער ציילין וואס עס איז מיט איהר גישעהן. הכלל זיא האט איהם דער ציילט די גאנצע

מעשה

מעשה פון דער שרפה מיט דאס אלעס וואס האט זיך גיטראפין ביז ער האט נאך גיקלערט אז זיא איז זיין ווייב אונ ער איז איהר מאן נאהר איין זיפץ האט ער גיטוהן און האט זיך גישלאגין אונ זיין הארץ אזיין אפשר אונ אזוי פיל יאהרין וויא זיא איז ארים גיוועזן אפשר האט זיא זיך מטמא גיוועזן. ער האט זיא אויס גיפרובט אויף דיא זאך אויב זיא האט זיך ערליך גיהאלטין, בקיצור ער האט איהר גיפרובט מיט צעהן נסיונות אונ זיא איז גיט בעשטאנען אויף דיא אלע זאכין ער האט זיך אויף געהויבין אונ איז גיגאנגין צוריק אונ האט זיך גילייגט שלאפין, אונ דער פריא איז ער אויף גישטאנען אונ האט גיזאגט צו זיין מחותן אז אקליינע בקשה בעט ער פון איהם ער זאל אים ניט אפ זאגין האט דער מחותן גיזאגט וואס איז די בקשה האט ער גיזאגט צו איהם אז ער וויל זעצין איין בית דין פון דיא חכמים פון ווין ווארים ער דארף זיי עפיס פרעגין:

דער מחותן האט איהם צוא ליעב גיטאהן אונ האט זיי גישיקט רופין אז זייא זאלין זיין בייא איהם איין גילאדין אויף קאפע. דיא חכמים זענען ריכטיג גיקומען אונ האבין זיך בעזאמען גיפריידט מיט פלפולים מיט דעם חתן רבי שמשון זיין זכות זאל אונז בייא שטיין. וויא זייא זענען אזוי גיזעסין האט זיך דער רבי שמשון אנידער גישטעלט אונ האט גיזאגט איך האב איך עפיס צו זאגין רבותי נאהר זאגט יעצט מיר דעם דין ווארום איך בין דער מענטש וואס איך האב גינומען נאך אווייב אונ הש״י האט גיפונען דיא זינד פון אונז ביידע ווען דיא חתונה איז גיוועזן האבין מיר זיך צו שייד אונ מיר האבין ניט גיוואוסט אייגער פון אנדערין אונ האט דער ציילט דיא גאנצע מעשה מיט דיא שרפה אונ בשעת איך האב מיך מתקשר גיוועזן מיט מיין מחותן האב איך מיט איהם אויס גינומען אתנאי ער זאל מאכען אסעודה פאר אלע ארימע לייט דאמיט איך זאל וויסין אויב מיין ווייב לעבט נאך, אונ הייגט האב איך איהר גיפונען צווישין דיא מדינה ארימע לייט אונ איך האב מורא פאר דעם חרם פון רבינו גרשון, הייגט לערינט מיר דעם דין. האבען זייא איהם גיזאגט אז איינע דארף ער געבין אגט נאהר דיא ברירה איז אונ דיין האנד וועלכע דו ווילסט מעגסטו דיא נעמען. וויא דער מהותן דער גביר האט דאס דער הערט האט ער צו איהם גיזאגט נוא וועמען ווילסטו געבין א גט האט ער גיזאגט דיין טאכטער וויל מיט דעם דין איז דיא ערשטע מיין ווייב.

און

און ווען איך וואלט געווען זיכער אז איך וועל עס ניט נויטיג האבן וואלט איך דאך ניט געוואגט צו נעמען דיין טאכטער אונ אז איך האב געפונען אבידה וועל איך זי מיר נעמען. איז דיא זאך געפעלין אונ דיא אויגען פון דיא חכמים פון ווין. אונ דעם שווער איז דאס אויך געפעלין. אונ האט געזאגט אצונד ווייס איך וואהל אז דוא ביסט א צדיק אונ עס טוהט דאך מיר אויך באנג איך זאל נאך לאזין אזוי אגאון נאהר איך פער זיכער מיך אויף גאט אז ער וועט מיר צו שיקין איין אנדערין אויף דיין ארט איך זאל איהם געבין מיין טאכטער פאר איין מאן אונ דורך דעם וואס איך האב געזעהן אז אזוי אפאר מעגין האסטו באך גילאזין פון וועגין דוא זאלסט ניט טאהן קיין אום רעכט איבער דעם וועל איך דיך אויך ניט אהיים לאזין פון מיין הויז איך גיב דיר טויזינד רענדליך פאר דעם וויל דוא האסט גיטאהן וויא עס דארף צו זיין מיט יושר אונ גאט'ס אויגען אונ אין מענטש'ינס אויגין. אונ ער האט גיגעבין איין גט צו זיין נייע ווייב דאס איז דעם גביר'ס טאכטער אונ ער האט איהם גיגעבין דיא טויזינד רענדליך. אונ דער גאון האט זיך באהעפט מיט זיין ערשטע ווייב אונ ער האט מיט איהר נאך אמאהל גירעדט אונ האט איהר גיזאגט סימנים אונ זיא האט איהם דער קענט אז דאס איז איר מאן. זייא האבין צו זאמען גיוואהנט אונ זייא האבין זיך אפ גיקליבין א שטאדט ער זאל מיט איהר וואהנען אונ ווין:

דיא זאך איז מפורסם גיוועזען בייא אלע מענטשין אונ דיא שטאדט ווין ביז דיא זאך איז גיקומען צו דיא יועצים האבין זייא דער ציילט דעם מלך האט דער מלך גישיקט נאך דעם גאון רבי שמשון ער זאל איהם אהן קוקין וואס פאר אמענטש ער איז וואס ער ווארפט אוועק אזוי אגרויס פאר מעגין פון וועגין זיין ישרות לבב. ווארום אונ דער גאנצער שטאדט האט מען גיוואוסט אז דער מענטש איז אגרויסער עושר אונ זיין טאכטער איז א שיין מענטש אונ ער קלויבט זיך אויס איין ארימע אשה וואס זיא גייט אויף די טירין בעטין אשיקיל ברויט. עס איז אזוי גיוועזען דער גאון האט גירעדט מיט דעם מלך צווייא ווערטער איז ער איהם זייער גיפעלין גיווארען ווארום ער האט גיזעהן אז ער איז זייער אקלוגער מענטש אונ די זאך וואס ער האט גיטוהן מיט דער ארימע אשה איז אויך זייער גיפעלין דעם קיסר האט דער מלך גיזאגט אז דוא ביסט יא אזעלכער מענטש איבער דעם זאלסטו וויסין אז פון מיינט אהן האב איך דיר אויס גיקליבין דוא זאלסט זיין בייא מיר

א יועץ האט זיך דער גאון גיבוקט פאר דעם מלך איבער דעם חן וואס ער האט גיפונען אין זיינע אויגין און פון דאמאלס אהן איז ער גיוועזן אמושל איבער אלע מושלים וואס זענען בייא דעם מלך :

און וויא דער גאון רבי שמשון איז אמאהל גיגאנגען שפאצירין מיט דעם מלך גלייך וויא צוויא ברידער, אין זייא האבין גירעדט פון די מלוכה ענינים, און דער זעלבע צייט האט דער בישוף ארויס גיקוקט פון זיין קליין פענצטעריל ווארין דארטין האט ער גיזעהן וויא דער מלך גייט שפאצירין מיט דעם יוד מיט גרויס אהבה עס האט איהם דאס גיקרענקט. אונ עטליכע טעג ארום האט דער בישוף נאך גיקלערט מחשבות וויא אזוי צו טאהן שלעכטץ דעם יוד . דער בישוף האט זיך בארעכינט אז ער זאל אריין גיין צום קייזער'ס טאכטער אונ ער זאל מיט איהר ריידין אייניגע רייד שלעכץ אויף דעם יוד, איין מאהל האט ער זיך דער וואוסט אז דער מלך איז ניט דא אונ דער היים איז ער גיגאנגען צו דעם קייזערס טאכטער אונ האט גיזאגט צוא איר איך האב דיר עפעס צו זאגין וויא אזוי קאנסטו דאס צו זעהן אז א יוד זאל אונ דיין פאטערס הויז אזוי גרויס זיין אונ חשוב זיין אונ זאל זיין בייא דיין פאטער א יועץ אונ גייט מיט דיין פאטער צו זאמען שפאצירין ווייסטו דען ניט פון לאנג אהן אז יודין זענען שונאים צו דיא וואס דינען פרעמדע אפ געטער אונ זייער דת איז אנדערש פון אונזער דת האסט דען ניט גיהערט וואס דיא יודין האבין גיטאהן מיט אונז ביז אונ דיא שנאה איז נאהר גיוועזן ווייל זייא האבען אנדערע דינים אונ מיר האבען אנדערע דינים :

און ער האט אין איהר אזוי אריין גירעדט אז עס האט זיא שוין אויך פאר דראסין אויף די יודין ביז זי האט איהם מבטיח גיוועזן אז זיא וועט דאס זאגין איהר פאטער האט דער בישוף נאך אמאהל גיזאגט צו דיא בת מלכה עס איז נאך ניט גוט נאר מען מוז זעהן דעם יוד צו הרג'ענין ווארים פון אלע זאכין וואס מען טוט זייא קענען זייא זיך אויס דרייען איבער דעם מוז מען קלערין גיהיים עצות דעם יוד צוא הרג'ענען, האט זיא איהם גיפרעגט וויא אזוי קאן מען דאס טאהן האט דער בישוף גיזאגט צוא איהר ווייסטו וואס. דיא זאלסט דיך מאכען קראנק וועט דיין פאטער בוודאי קומען צוא דיר מבקר חולה זיין אונ וועט מיט נעמען דאקטורים וועלין זייא אלע זאגין אז דיא ביסט גיזונד וועט ער דיר פרעגין וואס פעלט דיר וועסטו איהם זאגען דיא זאלסט

וויסען

זיסין אז מיר פעלט גאָהר ניט, נאָהר וואָס דיא האָסט דיר גימאַכט דעם יוד פאַר איין פריינד אונ ער ווייסט אַלע דיינע גיהיימניסע זאַכין דאָס קרענקט מיך אָנשטאָדט וואָס דיא באַדאַרפסט צו לויערין אויף זיין לייב מאַכסטו איהם נאָך פאַר אַ יועץ, בקיצור זיא האָט איהם מבטיח גיוועזן אויף דער זאַך אויף, עס איז אַזוי גיוועזן אונ דעם אַנדערין טאָג אונ דער פריא האָט זי זיך גילייגט אויף איהר גילעגער אונ האָט גיזאָגט אַז זי איז קראַנק:

מען האָט גישיקט נאָך אַלע דאָקטוירים פון דער גאַנצע שטאָדט זייא זאָלין איהר געבין מיטלען זיא זאָל גיזונד ווערין האָבין זייא אַלע גיזאָגט עס פעלט איהר גאָהר ניט זיא האָט אין זיך איין קרענקונג פון וועגין איין זאַך. בקיצור דער מלך איז אַריין גיגאַנגען צו איהר אונ האָט איהר גיפרעגט וואָס איהר קראַנקייט איז. בקיצור זי האָט איהם דער ציילט אַז דאָס איז נאָהר איבער דעם יודין ער איז איהר גלייך וויא זיא זעהט דעם מלאך המות. בקיצור דער מלך האָט גיזאָגט צוא איהר אַז עס הארט דיר יוא אַזוי שטאַרק זאָג איך דיר צו אַז ער וועט שוין ניט מער אַריין קומען צו מיר אונ מיין פאַלאַץ נאָהר פון דעסט וועגין זעה מיין טאָכטער אויב עס איז דאָ אַזוי אַקלוגער מענטש צווישין מיינע אַלע יועצים. האָט זיא גיזאָגט וואָס העלפט דאָס ווען ער איז אָבער אַ יוד דיא יודין לויערין תמיד אויף אונז גויסטו אונ מאַכסט איהם פאַר איין פריינד:

וויא זיא האָט מיט איהם אַזוי גירעדט האָט ער איהר מבטיח גיוועזן אַז ער וועט שוין ניט מער קומען צו איהם אין שטיב אַריין. אָבער דער מלך האָט ניט גיוואוסט אויב דיא זאַך איז אָהן גירעדט פון דעם בישוף איבער דעם האָט זיך דער מלך ניט גיהיטין פון צו גיין מיט דעם יוד אויף דיא ברייטע גאַס פאַר דעם בישופס הויז איז דער מלך גיגאַנגין מיט דעם יוד שפּאַצירין אויף דער פרישע לופט אָבער צו זיך אונ שטיב אַריין האָט ער איהם ניט גילאָזט כדי זיין טאָכטער זאָל ניט האָבין קיין עגמת נפש, וויא דער בישוף האָט דאָס גיזעהן אַז זייא גייען ביידע צו זאַמען שפּאַצירין אַזוי וויא פריער האָט דאָס איהם נאָך מעהר גיקרענקט, הכלל דער בישוף איז גיגאַנגען נאָך אַמאָהל צו דעם קייזערס טאָכטער אונ האָט איהר איין גירעדט אַזוי וויא פריער אונ האָט איהר דער ציילט אַז איהר פאָטער גייט נאָך מיט דעם יוד אַזוי וויא פריער מיט גרויס פערגעניגין:

זיא

זיא האָט נאָך אַמאָהל אַזוֹי גיטאָהן אוּנ האָט זיך גימאַכט קראַנק אוּנ זיא איז שוֹין טאַקע גיוועֶן קראַנק פוּן דעם אָהן ריידין, וועֶנען ווידעֶר גיקוּמעֶן אַלע דאָקטוֹרים פוּן דעֶר שטאָדט צוּ איהר מען זאָל איהר געבין מיטלין אוֹיף איהר קרעֶנק האָבין זייא ווידער גיזאָגט אַז עֶס פעהלט איהר גאָהר ניט נאָהר דאָס איז איין קרעֶנקונג פוּן וועגין איין זאַך. דער פאָטער האָט נאָך אַמאָהל גיפרעגט וואָס פעהלט דיר האָט זיא איהם גיזאָגט עס פעהלט מיר גאָר ניט נאָהר איך ווייס ניט אוֹיב דוא האָסט גיהאָר׳גית דעם יוד אוּנ אַצוּנד זאָלסטו וויסין אַז מיר ווערט אַלע מאָהל ערגער איבער דעם יוד:

זיא איז פּלוּצלינג אַנשלאָפען געוואָרען האָט זיא אוּנ חלום גיזעהן וויא עס קוּמט צוּא איהר איין גרייז גראָעֶר יוד דאָס איז אליהו הנביא ער גייט שענער גיקליידעט וויא דער מלך אוּנ זאָגט צוּ איהר. בת מלך דיא זאָלסט וויסין אַז דיר איז באַשעֶרט צוּ לעֶבין אוּנ גאַנצעֶן דרייסיג יאָהר דיין מזל אוּנ הימעל צייגט דיר דאָס נאָהר ווען דיא ווֶעסט דעֶם ר׳ שמשוֹן ווינעֶר לאָזעֶן זיין יוּעץ בייא דיין פאָטער שוועֶר איך דיר צוּ אַז דיא וועֶסט לעבען אַכציג יאָהר אַסימן גיב איך דיר מאָרגעֶן מיטאָג וועסט דיא זעהעֶן אוֹיף דיין פענצטער צוויא שיינעֶ טוֹיבעֶן. זיא האָט זיך אוֹיף גיהאַפּט פוּן שלאָף מיט אַנדערעֶ גיוויסעֶן. דעֶר מלך האָט זיך גיפריידט הערעֶנדיג פוּן איהר דעם חלום, זייא האָבין ר׳ שמשון גרעֶסעֶר גימאַכט ער איז בייא זייא גיוועֶן איין אויג אוּנ קאָפּף. אוּנ דער חלום איז איהר מקוים געוואָרעֶן זיא האָט גילעֶבט אוּנ דעֶם זכות אַכציג יאָהר מיט גרויס נחת:

פוּן דעֶר מעשה קענט איהר זעֶהן וויא השי״ת היט אָפּ זיין פאָלק ישראל פוּן אַלעֶ צרות נאָר מיט השגחה פרטיות. ובזכות הצדיקים זאָלין מיר זוכה זיין לנחמות ציון וירושלים אָמן:

---

## אַ ווינדעֶרליכעֶ ערצעֶהלוּנג פוּן הָרַב הַקָדוֹש ר׳ אַהֲרֹן קַארלינעֶר זצ״ל:

דעֶר הרב הצדיק ר׳ אהרן הגדול פון קארלין זי״ע. איז אַמאָהל פרייטאָג דוּרכגעֶפאָהרעֶן דעם דאָרף זוראַוויץ עֶר מיט זיין משרת זענין

זענען ארײַנגעפֿאָהרען צום הצדיק הנסתר ר׳ יצחק אײַזיק שו״ב, דער שוחט איז דענסטמאָל ניט געווען צוא הויז, האָט ר׳ אהרן געפֿרעגט בײַ דיא בע״ב וויא איהר מאַן איז. אונ ווען וועט ער קומען אהיים. מײַן מאַן וועט קומען האָט זיא געענטפֿערט צוא ליכט בענטשען, ר׳ אהרן האָט מיט זײַנע ליכטיגע אויגען געזעהען אגרויסע קדושה רוהט אויף יעדער זאַך אין שטוב, ווען איך מיט מײַן משרת קענען בײַא אײַך זײַן שבת האָט ר׳ אהרן געפֿרעגט. געוויס האָט זיא געענטפֿערט וויא דען קאָנט איהר זײַן שבת אַז ניט בײַא אונז, צוא ליכט בענשען איז דער שו״ב געקומען, ער איז געווען אָנגעטהון אין ניט שײנע קליידער:

וויא ער האָט דערזעהען ר׳ אהרן׳ען, האָט ער זיך נאָך מעהר פֿאַר בּאָרגען אַז ר׳ אהרן זאָל אויף איהם גאָר ניט באַמערקען, ר׳ אהרן האָט מקבל שבת געווען מיט גרויס התלהבות, זײַן דאַווענען איז געווען שרעקליך צו הערען, אָבער דער שו״ב האָט געדאַווענט וויא א פּשוטער מענש, אָהן קולות אָהן התפעלות, ר׳ אהרן האָט אויף איהם געקוקט מיט אָפענע אויגען. ער האָט גאָר ניט באַמערקט. נור ער האָט געזעהען אין שטוב אגרויסע קדושה, קידוש האָט ר׳ אהרן געמאַכט מיט גרויס התלהבות וויא זײַן שטײגער איז געווען, אונ דער שו״ב האָט געמאַכט קידוש וויא אַפּשוט׳ר מענש, שנעל אָבגעזאָגט, כדי ר׳ אהרן זאָל גאָר ניט באַמערקען:

בּײַא דעם טיש האָבען זײא צוזאַמען געגעסען, ר׳ אהרן האָט אין די שפּײַז געפֿילט אַרוח קדושה, אָבער קוקענדיג אויף דעם שו״ב האָט ער קײן זאַך ניט באַמערקט אַזוי איז געווען דער גאַנצער שבת, מוצאי ש״ק האָט ר׳ אהרן געוואָלט באַצאָהלען פֿאַר דעם שבת אונ אַוועק פֿאָהרען, זענען בײדע דער שו״ב מיט זײַן ווײַב אַנטלאָפֿען פֿון שטוב. ר׳ אהרן האָט אויף זײא געוואַרט ביז נאָך האַלבע נאַכט, אין ער האָט זײא אָבער ניט געקאָנט ערוואַרטען האָט ער געמוזט אַוועק פֿאָהרען:

דיא קדושה איז אין אײן פּרט געגליכען צו גוטע טהײַערע בשמים, דיא בשמים אַלײן האָבען אַ גוטען ריח אינ אַלץ וואָס אַרום דיא בשמים ציהט אָן דער ריח טוב, עס שמעקט, נאָר געווײנליך איז דאָס געזאָגט פֿאַר אַמענשין וואָס דער חוש הריח איז בײַא איהם ניט

קאַלע

קאַליש, דער פאר האָט ר׳ אהרן דער פיהלט דעם ריח קדושה אין שטוב, וד״ל :

---

# אַ דין תּוֹרָה פֶער דְרֵייא גְרוֹיסֶע צַדִיקִים:

דער רוימענישער קעניג האָט אמאהל אַרויס געגעבען אַנייע גזירה אויף יודען, וויא פארצייטען פלעגען אַזעלכע מעשיות טרעפען, נור דיא גזירה איז געוועזען שרעקליך . אין דער שטאָדט ליזענסק אין בית המדרש פון הרב הקדוש הר״ר אלימלך איז געזעסען איינער ר׳ פייוועל אונ האָט יום ולילה געלערענט, דער צו איז ער געווען אַגרויסער ירא שמים, איהם האָט שטארק פאר דראָסען דיא נייע ביטערע אונ גליקליכע גזירה:

אמאָהל אין מיטען נאַכט איז ר׳ פייוול אויפגעשטאַנען פון שלאָף אַוועק געגאַנגען צום הרב הקדוש ר׳ אלימלך ז״ל. רבי ! האָט ר׳ פייבל געזאָגט איך האָב אייך צוא דערציילען אַדין תורה, דיא משנה זאָגט ווען אפילו איינער איז אַהאַלבער קנעכט אונ אַהאַלבער בן חורין אפרייער קאָן ער ניט חתונה האָבען מיט אַ „בת חורין״ ווייל ער איז אַקנעכט, אונ מיט אַ שפחה אויך ניט ווייל ער איז אַ בן חורין. היינט אַז גאָט האָט אונז געררופען קנעכט. זענען מיר דאָך זיינע קנעכט טוא וויא אַזוי דאַרפען מיר ליידען פון דיא גזירות וואָס דער רוימענישער קעניג איז אויף אונז גוזר, ר׳ פייוול האָט דאָס גערעדט מיט גרויסע התפעלות אונ מיט שרעקליכע התלהבות דיא רעדסט זעהער גוט אונ ריכטיג האָט רבי אלימלך געענטפררט נור בייא נאַכט טאָהר מען ניט פסק׳נען אַדין תורה, אויף מאָרגען זענען אין ליזענסק געקומען דרייא גרויסע צדיקים, דער המגיד פון קאָזיניץ, דער רבי פון לובלין, אונ הרב פון אפטאָ, זייא דרייא זענען געווען רבי אלימלך׳ס תלמידים, רבי אלימלך האָט זיך מיט זייא שטאַרק געפריידט ער האָט פאַר זייא געמאַכט אַ סעודה . וויא זייא זענען געזעסען האָט רבי אלימלך געשיקט רופען ר׳ פייוול׳ן, וויא ר׳ פייוול איז געקומען האָט רבי אלימלך צוא איהם געזאָגט, דערצייל די אורחים דיין דין תורה וויא די האָסט מיר בייא נאַכט דערציילט, איך האָב ניט דיא ביינאַכטיגע התלהבות האָט ר׳ פייוול געענטפערט אונ ניט דיא התפעלות, האָט

ר׳

ר׳ אלימלך געענטפערט גיב דעם כח הדיבור רעדענסקראפט דיא זאלסט קענען ריידען וויא דוא האסט נעכטען גערעדט, ר׳ פייוולי׳ האט געטענת דיא זעלביגע טענות וויא ביינאכט, אונ געבליבען שטיין, ביי אונז איז דער מנהג האט דער קדוש פון אפטא געענטפערט אז נאך דיא טענות פון דיא בעלי דינים הייסען מיר זייא אפטרעטען, דארום איהר ר׳ פייבוּל טרעט אפ פון דאנען, אונ דוא רבונו של עולם מצד הדין דארפסט דיא אויך אפטרעטען, נור וויא קענען מיר אויף דיר באפעהלען אוועקצוגיין פון אונז, דאס ערשטע עס איז מלא כל הארץ כבודך, אונ דאס צווייטע פאר אונז איז דאך אגרויסער גליק אז דוא רוהסט צווישען אונז, נור דאס וועלען מיר דיר זאגען, מיר וועלען ניט נושא פנים זיין נאהר מיר וועלען פסק׳נן וויא דער דין איז:

נאך דער סעודה האבען זיך דיא דרייא צדיקים געזעצט קלעהרען דעם דין אויב דער רומענישער קעניג האט דאס רעכט גוזר צו זיין אזא גזירה רעה וקשה וואס איז נוגע צום דת היהודים, זיי האבען זיך מפלפל געווען אין חשן משפט אונ אין אלע ספרי הלכה, אונ זייא האבען געוויזען דאס על פי דין האט ר׳ פייבוּל רעכט, זייא האבען געשריבען א פסק דין אונ זייא דרייא האבען אויף דעם פסק דין געחתמט זייער נאמען:

אין דרייא טאג ארום נאך דעם פסק דין האבען אלע געהערט אז דיא גזרה איז בטל געווארען, גאט אליין האט געגעבען א כח צו בית דין אז וואס זייא פסק׳נן אפ איז פארפאלען, קיינער קאן ניט מבטל זיין זייער פסק דין, שיידען אנאנדער בית דין וואס איז גרעסערן אין צאהל אונ אין חכמה, אונ אזוי ווי גאט איז א יחיד מוז ער עפ״י דין פאלגען א בית דין:

---

## א ווינדערליכע געשיכטע פון בעל הפלאה דער ברודער רב:

דער גביר ר׳ זלמן פערילס פון בראדי האט געוואלט זיך משדך זיין מיט דעם הרב גאון הגאונים מו״ה פנחס הורוויץ דער בעל הפלאה, וואס דענסטמאהל איז ער געווען א רב אין לעכוויץ, אבער דער

דער רב האט ניט געוואלט, דער רבונו של עולם האט פיהל שלוחים און פיהל סבות אויסצו פיהרען דיא זאך וואס ער וויל. בייא דעם שידוך האט זיך געמאכט אזא סבה, דעם רב׳ס ווייב האט געהאלטען אגעשעפט, זיא פלעגט קויפען סחורה בייא דיא בראדער סוחרים אויף דאטיס, דאס הייסט, נעהמען סחורה אהן געלד, נאכדעם אז זיא האט פארקויפט האט זיא בעצאהלט, אמאהל האט געטראפען אז זיא האט ניט געקאנט בעצאהלען, דער רב האט דערפון געהאט גרויס הארץ ווייטאג. ר׳ זלמן פערילס האט געשיקט זאגין דעם רב, אויב ער ווערט זיך מיט איהם מתחתן זיין, ווערט ער איהרע אלע חובות בעצאהלין דיא בראדער סוחרים. דער רב האט געגען זיין ווילען איינגעשטימט צוא דעם פלאן און ער איז געווארען א מחותן מיט ר׳ זלמן פערילס, ניט לאנג נאכדעם האבען די נכבדים פון פראנקפורט אן מיין איהם גיבעטין ער זאל קומען צוא זייא ווערין א רב, פארענדיג א הין איז ער גיקומען קיין בראד, ער האט דארטין גיהאט גרויס כבוד, זיין דרשה וואס ער האט שבת גיזאגט אין שול איז אלעמען געפעלין גיוועזן. הגם ניט אלע האבין גוט פער שטאנען זיינע קלוגע טיפזיניגע און שארפע פלפול, זאנטאג האט ער בעדארפט אוועקפארין פון בראד ער האט גיהאט יאהרצייט, נאך זיין פאטער, האט ער געפאסט וויא זיין מנהג איז געווען אלע יאהר, זיין מחותן ר׳ זלמן פערילס מיט זיין גאנצע הויז געזינד האבען איהם געבעטען ער זאל עטוואס עסען, ווייל ער איז געווען זייער א שוואכער מענש, ער האט קיין מאהל ניט געשלאפען אויף אבעט. ער האט פיעל געלערינט און ווייניג געגעסען איז ער שלאף געווארען, אבער ער האט גיזאגט, שוין פערציג יאהר וויא אלע יארצייט פאסט ער, קאן ער ניט בדרעכען דעם מנהג, אויך גרויסע נכבדים פון שטאדט האבין איהם געבעטען, ער זאל עטוואס עסען, זייא האבען איהם גיזאגט אז פאהרען אויף דעם וועג איז אסכנה צוא פאסטען, אבער ער האט זייא אויך געענטפערט דיא זעלביגע תשובה וויא פריער. אוועקפאהרענדיג פון בראד האבען איהם כמעט דיא גאנצע שטאדט לייט באגלייט. און זיין מחותן ר׳ זלמן פערילס מיט זיין גאנצע פאמיליע זענען מיט איהם געפאהרען ביז זלאטשוב וויא דער הרב הקדוש ר׳ מיכלי האט דארטען גיוואהנט:

אז זייא זענען געקומען קיין זלאטשוב האט הרב ר׳ פנחס געזאגט, מיר וועלין ארייַנפאהרען אין אנאכסניא, זיך אנטהון בגדי שבת און

גיין

גיין זעהען דעם הרב הקדוש ר׳ מיכלי, זייא אלע האבען אזוי געטאהן, רבי מיכלי האט זייא צוגענומען מיט גרויס כבוד, ער האט דעם רבי׳ן ר׳ פנחס׳ן אוועקגעזעצט בייא איהם אונ ער האט אווינק גיגעבין זיין משרת ער זאל ברענגען וויין אונ צו פארבייסען, טרינקט אונ פאר בייסט האט ר׳ מיכלי געזאגט צום רב איך בעט אייך פארזוכט פון מיינע כיבוד, איך קאן ניט עסען אונ ניט טרינקען האט דער רב גיענטפערט בייא מיר איז היינט א תענית יאהרצייט, איז מיר שווער צוא ענדערין מיין פערציג יארעגען מנהג, איך בין אויף אייך גוזר האט דער רבי מיכלי געזאגט איך באפעל אייך איהר מוסט עסען, אזוי האט דער רב גיזאגט איהר באפעלט אויף מיר צו עסען, ברוך אשר קדשנו במצותיו וצונו לשמוע דברי חכמים, דאס הייסט, געלויבט איז ער וואס האט אונז געבאטען צו פאלגען דאס וואס דיא חכמים באפעלען אונז אונ האט באלד געמאכט אברכה. אונ געטרונקען אונ געגעסין, פון דעם ספור לערנען מיר אפ פיעל מדות טובות, דאס ערשטע, אמענש דארף זיך לאזען קאסטען פיעל געלד צוא בעקומען אמחותן א גרויסען מענטש, ווייל דיא וועלט זאגט „דער עפעל פאלט ניט ווייט פון בוים". דאס קינד וואס ווערט ערצויגען בייא ערליכע עלטערין איז ער אויך עהרליך, צווייטענס, באצאהלען א חוב איז זייער וויכטיג דער בעל חוב דארף אגווענדען אלע מיטלען ער זאל קענען זיינע חובות בעצאהלען, אפילו זיך משדך זיין מיט אזא מענשין וואט ער וויל ניט. דריטענס, אגאנדיינקען (יאהר צייט) נאך עלטערין איז זייער וויכטיג, פיערטענס, פאלגען אחכם איז אמצוה אפילו דעם ווען ער באפעלט איז אליין אויך אגרויסער מאן אונ דער חכם זאגט איהם צוא טהון פארקערט ווי ער וויל דארף ער איהם אויך פאלגען :

---

## און דיזע געשיכטע ווערד ערציילט וויא דער רבי ר׳ ישראל ריזינער האט געוואהנט אין עסטרייך נאך דעם ווי ער איז אנטלאפין פון רוסלאנד :

ווען דער ריזינער ז״ל האט גיוואהנט אונ סקאלא (עסטרייך) האט ער אמאהל פרייטיג פאר נאכט ג שיקט ריפין דעם רב הגאון ר׳ שלמה

דער

דער סקאָלער רב. ער זאָל זיך מטריח זיין און תיכף קומען צו איהם וועגין אנ׳ייטיגע זאַך, דער שליח איז גיגאַנגגין און האָט גיריפין דעם רב, איז ר׳ שלמה תיכף גיגאַנגין, ער האָט שוין געהאַט אָנגיטיען דיא שבת׳דיגע מלבושים איז ער און דיא מלבושים אהין גיגאַנגין צום רבי׳ן, דער רבי איז גיזעסין אויף זיין שטיל, און איז נאָך גיוועזן אָנגיטוען דיא וואָכידיגע מלבושים און האָט גיר׳ייכערט דיא לילקע, עס איז נאָך דאַמאָלס גיוועזן אַ שעה פאַר שקיעת החמה, האָט דער רבי געה׳ייסין מען זאָל אַריין ברענגין אַ בענקיל ר׳ שלמה זאָל זיך אַנידער זעצין, האָט דער רבי אָנגעהויבין צו דערצ׳יילין צו ר׳ שלמה׳ן מיט דעם לשון עס איז גיוועזן אַ מעשה, און אַ שטאָדט פון רוססיא איז גיוועזן אַ גביר איין אָרינטליכער מאַן אויף אַלמדן, זיין מסחר איז גיוועזן ער פלעגט האַלטין פּאָדראַטין פון דער מלוכה, אַמאָהל איז ער גיוואָרין אַ יורד ר״ל, האָבין זיינע קרובים און זיינע פריינד אויף איהם רחמנות געהאַט און האָבין צווישין זיך צו נויף גינימען אַ סוממע געלד און האָבין איהם גיליגען ער זאָל פאהרין קיין קיעב און זאָל דאָרט נעמין איין פּאָדראַט דער מענטש איז גיפאָהרין קיין קיעב, און האָט גינימען איין גרויסין פּאָדראַד אויף אַגיטין מקח, און ער האָט איינגיל׳ייגט זאַלאָג עטליכע הינדערט רו״כ אַזוי וויא דיא פראַווע איז פון דעם קייזער פון דעם געלד וואָס מען האָט איהם גיליגען, צו נעמין אַקאָנטראַקט אויף דעם פּאָדראַד האָט ער גידאָרפין פאָרין קיין פּעטערבורג ער זאָל נעמין אַקאָנטראַקט און זאָל צו צאָהלין דו רעשט געלד. דיא שרי מלוכה האָבין זיך און איהם זייער מקנא גיוועזן, אַז אַ יוד זאָל נעמין אַזאַ גרויס גישעפט פאַר וואָלוויל געלד, און זייא האָבין דאָס נישט גיקענט מבטל זיין און זאָלין בייא איהם צו נעמין דעם פּאָדראַד נאָר איין עצה האָבין זייא זיך גיגעבין און האָבין מכוון גיוועזן אַז דער לעצטער טאָג פון דעם נעמין דעם קאָנטראַקט, און צוא צאָלין דיא רעשט געלד צום קייזער זאָל אויס קימען אום שבת, אויב ער וועט נישט וועלין חתמינין זיך וועט ער היזק האָבין דאָס גאַנצע געלד וואָס ער האָט פריער איינגיל׳ייט זאַלאָג ווייל אַזוי איז דיא פראַווע, דער יוד האָט פון דעם גאָהר נישט גיוואוסט, און איז אהיים גיפאָרין מיט גרויס שמחה, ווייל ער האָט גיוואוסט, אַז אפילו נאָך דעם וואָס ער וועט בעצאָלין דיא רעשט הוב וועט ער אויף פיהל פערדינין, וויא עס איז גיקומען דיא צייט וואָס ער האָט גידאַרפט נעמין דעם קאָנטראַקט, איז

ער

ער גיפאָהרין קיין פעטערבורג צו קאָנטשין צו נעמין דעם קאָנטראַקט. איז ער גיוואָהר גיוואָרין אַז דער טאָג פון דעם נעמין וועט זיין אום שבת, האָט ער פון דעם געהאַט זייער גרויסע עגמת נפש ער האָט גיוואָלט בעצאָהלין דאָס גאַנצע געלד אום פרייטיג, נאָהר מען האָט בשום אופ׳ן בייא איהם נישט גיוואָלט נעמין נאָהר אונ דעם אויס גיזעצטין טאָג נישט פריער, איז איהם גיוועזן ביטער אונ צווייא זייטין צוא נעמין דעם קאָנטראַקט אונ צו חתמינין זיך איהם שבת, איז גיוועזן ביטער מחלל שבת צו זיין במזיד, זאָל ער נישט נעמין דעם פאָדראַד, וועט פער פאַלין ווערין דער זאַלאָג, אונ ער וועט נישט קענין בעצאָהלין די חובות, אין עס וועט איהם פעהלין אַ שטיקיל ברויט ה״ו, הכלל דער יצר הרע האָט איהם בייא גיקומען אונ איז גיגאַנגין איהם שבת אונ האָט זיך גיחתמית אויף דעם קאָנטראַקט, דאַמאָלס האָט ער גינומין דעם פאָדראַד ווי׳א עס געהער צו זיין, אונ איז רייך גיוואָרין דערינין. אונ האָט בעצאָלט אַלע חובות וויא עס געהער, הערשט אונ אַ קליינע צייט איז דער גביר גישטאָרבין, משפט מען איהם אויף יענער וועלט פאַר וואָס ער האָט מחלל שבת גיוועזן דעריבער האָב איך מטריח גיוועזן איהר זאָלט מיר זאָגין אויב איין אונס פון געלד הייסט איין אונס קייגין שבת צו נישט, אויב עס הייסט איין אונס קייגין שבת. וועט דאָס זיין פאַר איהם אַ גרויסע טובה אויף יענער וועלט. ווייל ער האָט געהאַלטין בייא אָהן ווערין פיהל געלד אונ אַזוי וויא מען פסק׳ינט אויף דער וועלט פסק׳ינט מען אין הימעיל אויך, האָט זיך ר׳ שלמה מיישב גיוועזן אונ האָט גימאַכט דעריבין אַ ברייטין שמיס מיט׳ן רבי׳ן. וויא ר׳ שלמה האָט גיקאנטשיט זיינע ווערטער האָט דער רבי צוא איהם גיזאָגט, אַגיטין שבת אַגיטין שבת אונ ער איז זיך אַהיים ביגאַנגין, פער שטייט זיך אַז ווייל פרייטיג איז דיא צייט וואָס מען ברענגט אויף דיא נשמות דעריבער האָט ער גיריפין ר׳ שלמה׳ן כדי ער זאָל דעם טויטין קענ׳ן טיהן איין טובה מסתמא האָט ער איהם בוודאי גיטיהן אַ טובה, זייער זכות זאָל אינז בייא שטיין מיר זאָלין זוכה זיין צו זעהן וויא אינזער גואל וועט קומין אונ אינז אויס לייזין פון דעם גלות בב״א:

# אַנְעשִׁיכְטֶע פוּן הַצַּדִיק ר׳ מֵאִיר מִפְּרֶעמִישְׁלַאן וִויא עֶר אִיז גִיוֶועזִן אַ בַּעַל רוּחַ הַקוֹדֶשׁ:

אין ארץ ישראל איז גיוועזן א איש מכובד אונ א מופלג בתורה ויראת שמים, ער האט גאהר נישט געהאנדילט, נאהר ער האט עוסק גיוועזן בתורה אונ ער איז גיוועזן א גרויסער ארימאן ער האט געהאט צוויא אדער דרייא בתולות חתונה צו מאכין, אונ ער האט נישט געהאט קיין שום איינקונפט אויף דיא הוצאות פון זייער חתונה, זיין ווייב האט איהם אהנגירעדט ער זאל ארויס פאהרין קיין חוץ לארץ דארטין וועט מען איהם געבין שיינע נדבות, ווייל דאמאלס איז גיוועזן בחשיבות א איש מכובד פון ארץ ישראל. אונ דארך דער עצה וועט ער קענין געהאלפין ווערין ער זאל חתונה מאכין זיינע טעכטער, דער מענטש האט גיזעהן אז ער האט נישט קיין שום עצה נאהר דיזע, אונ ער האט זיך נישט גיוואלט מפרסם זיין פאר יעדין אז ער איז פון ארץ ישראל, דעריבער איז ער צוא גינאנגין צוא דער מזוזה פון זיין שטיב אונ ער האט גישוואהרין אז ער וועט קומין קיין חוץ לארץ זאל ער זיך נישט אויס געבין פאר קיין שום מענטש אז ער איז פון ארץ ישראל, גאר אז ער וועט קומין צו א רבי׳ן א צדיק פון חוץ לארץ זאל ער זיך אויס געבין פאר איהם ווער ער איז, אונ מיין נישט, איז ער אוועק גיפאהרין פון ארץ ישראל קיין חו״ל, האט ער גילוטין אויף דעם וועג גרויס דחקות, ביז ער איז גיקומין צו מיין פאטער קיין סאדיגורא, האט ער זיך פאר איהם אנפלעקט אז ער איז פון ארץ ישראל, אונ אז ער האט אויף זיך גינומין ער זאל זיך מגלה זיין נאהר פאר דיא צדיקים פון חו״ל, זייא זאלין איהם געבין איין עצה אויף זיין בקשה, האט איהם מיין פאטער גיגעבין זעקס רענדליך, אונ האט איהם א עצה גיגעבען ער זאל פאהרין צו זיין מחותן הרה״צ ר׳ דאדקיא ווייל דיא וועלט האלט איהם פאר א גרויסין חכם, וועט ער איהם געבין א עצה וואס ער זאל טוהן, איז דער מענטש גיפאהרין צום רבי׳ן ר׳ דאדקיא אונ האט איהם אלעס דערציילט, אונ אז זיין מחותן דער ריזינער האט איהם צו איהם גישיקט, האט איהם ר״ד גיגעבין זעקס רענדליך אונ האט איהם גיזאגט אז ער זאל פאהרין צום רבי׳ן ר׳ מאיר׳ל ז״ל מפרימישלאן ווייל דיא וועלט האלט איהם פאר א נביא. ער וועט איהם געבין א גיטע עצה אויף זיין

בקשה

בקשה, עס איז אזוי געווען, ער איז געפאהרען קיין פרימישלאן אונ איז געגאנגען צום רבי'ן. האט ער געוואלט אריין גיין פאר איהם געזעהן צוא ווערין, אונ זיך מגלה זיין פאר איהם, האט איהם דער משמש נישט געלאזט אריין גיין אויך אפילו בעמין שלום האט ער איהם אויך נישט געלאזט, ווייל ער איז געקומען מיט דיא ליידיגע הענד. מיטוואך אונ דאנערשטיג האט ער זיך געשטיפט אריין צו גיין. אונ דער משמש האט איהם אלעס נישט געלאזט אריין גיין, איז ער זיך געגאנגען אונ שטאדט קלויז אריין דאווינען קיינער האט איהם נישט געקענט פון וואנין ער איז, אונ דעם קלויז האט געדאווינט א שניידער, דער שניידער האט געקיקט אויף דעם אורח, איז ער איהם געפעלין, אונ האט איהם דער קענט, אז ער איז א ירא שמים, איז דער שניידער צוא איהם צו געגאנגען, אונ האט איהם געגעבין שלום, אונ האט צו איהם געזאגט, אויב אייך געפעלט קימט מיט מיר אהיים עסין, דער אורח איז מיט איהם אהיים געגאנגען אונ האט בייא איהם גינעכטיגט די נאכט פון פרייטיג, פרייטיג אונ דער פריא איז דער אורח געגאנגען דאווינען אונ קלויז אריין שחרית, איז דער שניידער צו איהם ווידער געקומען אונ האט צוא איהם געזאגט אז ער פערלאנגט ער זאל בייא איהם עסין שבת איז דער אורח דערויף בעשטאנין, ווייל ער האט אנגעזעהן אונ דעם שניידער אז ער איז ארעכט פארטיגער מאן, האט ער איהם אזוי מבטיח געווען אז ער וועט בייא איהם זיין שבת, דער שניידער האט זיך זייער געפריידט, וואס השי"ת האט איהם אנגעברייט איין ארענטליכין אורח. האט ער געהייסן זיין ווייב מאכין א שבת וויא עס געהער צוא זיין. אונ ער האט דאס אנפלעקט צוא זיינע עטליכע פריינד אז ער האט בייא זיך איין ארינטליכין אורח, כדי זייא זאלין צי איהם קימין. אפשר וועלין זייא פון איהם הערין וועלכע דברי תורה, מסתמא זענין זייא געקימין אונ געזעסין מיט דעם אורח זייא האבין אלע נישט געוויסט ווער דער אורח איז, אונ פון וואנין ער איז, דער רבי ר' מאירי'ל האט גירופין זיין משמש זונטאג אונ דער פריא. אונ האט איהם געזאגט, איך פיהל דא אויר פון ארץ ישראל גייא אום אונ דער גאנצער שטאדט אבזוכין דעם מענטש. אונ זאלסט איהם אהער ברענגין. וועל איך פון

דיר מאכין א הויפין בייגער:

**דער** שמש איז זייער דערשראקין געווארין פון דיא ווערטער, ווייל ער האט פון דעם רבי'ן נאך קיין מאהל נישט געהערט אזא קללה,

איז

איז ער תיכף אום גיגאנגין אונ דער גאנצער שטאָדט זיכין איהם, אונ ער האָט איהם נישט גיפינין האָט ער זיך מיישב גיוועזן אונ איז גיגאנגין אונ מארק ארייַן דאָ וויא די וועגין שטייען דאָרט טאָמער וועט ער איהם דאָרט גיפינין, האָט איהם איינער גיפרעגט, וואָס טיט איהר דאָ. אונ וועמין זיכט איהר ווייל דאָס איז בייא איהם גיוועזן א ווינדער, וואָרין דער שמש פלעגט אהין קיינמאָהל נישט קימין האָט איהם דער משמש דערציילט אז עס איז דאָ פערהאנדין א יוד פון ארץ ישראל, האָט דער רבי ר"מ אויף מיר גוזר גיוועזן מיט א שטארק וואָרינונג. איך זאָל איהם צו איהם אהין ברענגין, דעריבער גייא איך איהם זיכין, האָט דער מענטש גיזאָגט צום משמש איך וויים אז בייא דעם שניידער איז דאָ איין אורח, אפשר איז דאָס דער וואָס איהר זיכט איהם, דער משמש איז תיכף גיגאנגין צום שניידער האָט ער דאָרט גיפינין דעם אורח, האָט ער איהם דערקאָנט אז דאָס איז דער וואָס ער האָט איהם נישט ארייַן גילאָזט צים רבי'ן, האָט איהם דער משמש גיפרעגט, איהר זענט דער יוד פון ארץ ישראל ווייל דער רבי האָט אויף מיר גוזר גיוועזן איך זאָל איייך צוא איהם ברענגין, האָט ער איהם מודה גיוועזן אז ער איז פון א"י. האָט איהם דער משמש תיכף גיפירט צום רבי'ן, וויא ער איז ארייַן גיקומין אונ האָט גינימען שלום בייא דעם רבי'ן ר"מ, האָט איהם ר' מאירי'ל גיענטפערט שלום מיט אפרייליך פנים אונ האָט צו איהם גיזאָגט מיט דיזען לשון, גילובט איז הש"י וואָס איהר זענט צו מיר גיקומין ווייל איך היט דאָך פון אייערט וועגין געלד איהר זאָלט האָבין חתונה צו מאכין אייערע טעכטער, ווייל אונ הימיל האָט מען רחמנות געהאט אויף אייער תורה איהר זאָלט נישט ווערין פאר טרוד פון אייער תורה, דעריבער האָט מען מיר בעפוילין פון הימיל פון דער צייט אהן וואָס אייערע טעכטער זענין גיבאָהרין גיוואָרין איך זאָל צונויפנעמין ביסלאך וויים אויף זייער חתונה, האָט ר' מאירי'ל געהייסין מען זאָל איהם דער לאנגין די קליינע שקאָטילקע וואָס זיא ליגט אויף דעם אָרט. האָט ער גיעפינט די שקאָטילקא אונ האָט איהם אוועק גיגעבין אלע רענדלעך וואָס זענין דאָרט גילעגין. איז דאָרט גיוועזן ס"ה זעקס הונדערט רענדלעך, אביסיל זענין שוין גיוועזן זייער אלט ביז זייא זענין שוין בגמען פערשוואַרצט דער מענטש האָט זיך אָב גיזעגינט מיט ר' מאירל'ין

מאירלין מיט גרויס שמחה און ער איז צוריק א היים געפאהרען זיין זכות זאל אינז בייא שטיין ולכל ישראל אמן:

---

# א ווינדערליכע מעשה פון רבי'ן ר' זושא פון האניפאלע זצ"ל:

לעבין דער שטאדט האניפאלי איז אמאהל גיוועזן איין מאנעווריי, און דער שטייגער איז צווייא חברות זעלנער שטעלין זיך אויס איינער א קייגין דער אנדערער און זייא מאכין א מלחמה, און די חברה זעלנער וואס נעמין איין דיא מלחמה זייא בעקימין גרויסע מתנות פין זייערע אפיצירין, האט זיך דעמאלט גיטראפין אז נאך דער מאנעווריי זענין גיגאנגין דיא חברה זעלנער וואס האבען איינגענימין דיא מלחמה דארך דער שטאדט האניפאלי זייער לוסטיג און זייא זענין אריין גיגאנגין אין א קרעטשמע און האבין דארט אויס גיטרינקין אלע געטראנקין וואס עס איז דארט גיוועזין דער נאך האבין זייא זיך ווידער גיהייסין געבין צוא טרינקין איז שוין נישט גיוועזין, און פאר דיא אלע זאכין האבין זייא נישט געוואלט בעצאהלין זענין זייא בייז גיווארין און האבין געמאכט זייער גרויסע שאדינס און האבין צוא בראכין אלע כלים פון דער קרעטשמע אויך ווענין זייא האבין גיזעצט האבין זייא גיזאגט אז זייא ווילין שלאגין צום טויט, וויא דיא מענטשין האבין דער זעהן אז עס איז שלעכט זענין זייא תיכף גילאפין צום רבי'ן ר' זושא און זייא האבין איהם דערציילט דיא גאנצע מעשה איז דער רבי תיכף גילאפין און דער קרעטשמע אריין און האט זיך אנידער גישטעלט בייא דעם פענסטער און האט גיקיקט און דיא פנימער פון דיא זעלנער און האט גישריגין מיט גרויס התלהבות „ובכן תן פחדך" און וויא דער רבי האט אזויא אויס גישריגין דרייא מאהל איז גיפאלין אגרויסער פחד אויף דיא זעלנער ביז זייא זענין אלע ארויס גילאפין פון דעם קרעטשמער אויך בעוויל עס איז גיוועזן אפילע שטיעב זעלענער און זייא האבין זייער מורא גיקריגין און האבין גימיזט ארויס לויפין דארך דיא פענסטער בעוויל זייא האבין נישט געקאנט דארך אלע דארך דער טיהר איבד האבין פערלאזט אלע זייערי

זייערע זאכין אין דער קרעטשמע אונ זענין אימגעלאָפין אויף דער גאס וויא משיגעים זייא האָבין נישט געוויס טוויא זייא לויפין אינד אַז זייא האָבין בעגלייט זייער אָפיציער האָבין זייא איהם נישט אָבגיגעבין דעם כבוד טשעסט וויא עס גיהער צו זיין נאָהר זייא זענין אימגעלאָפין, האָט דער אָפיציר זייא גיט אָהן געשריגין ביז זייא זענין געבליבין שטיין אונ האָבין געמיזט דערציילין וואס זייא האָבין געטיהן אין דער קרעטשמע, אויף האָבין זייא דערציילט אַז עס איז געקימין איין אַלטער מאַן אינד האָט אויף זייא געשריגען „פחדך״ „פחדך״ ביז עס איז אויף זייא געפאַלין אַגרויסער פחד אינד זייא האָבין גימיזט אַרויס לויפין פון דער קרעטשמע אונ זייא האָבין נאָך דיא זעלבע שרעקיניש אינד זייא מיזין אַזוי איהם לויפין האָט זייא דער אָפיציער צוריק גיפיהרט צוא דער קרעטשמע אינד זייא האָבין בעצאָהלט פאַר אַלע שאָדינס אויף האָט ער זייא בעשטראָפט מיט אַגרויסע שטראָף וויא עס גיהער דאַמאָלס איזט פון זייא אַוועק דער פחד, דער זכות פון דעם הייליגין צדיק זאָל אינז בייא שטיין ולכל ישראל אמן:

---

# אַ ווינדערליכע געשיכטע פון הצדיק הקדוש ר׳ יעקב יוסף זי״ע דער מחבר פון דעם ספר הקדוש רב ייבא:

דער הרב הצדיק ר׳ יעקב יוסף פון אוסטרהא דער מחבר פון ספר „רב ייבא״ האט געהאט דרייא זיהן צדיקים, הרב הצדיק ר׳ אליקים געציל ז״ל וואס איז געבליבען אין אויסטרהא מגיד מישרים אויף זיין פאָטערס אָרט, דער צווייטער איז גיוועזן הרב הצדיק ר׳ פנחס ז״ל וואס פיהל צדיקים פון זיין דור האָבען אויף איהם עדות געזאָגט אַז ער האָט פיהל מאָהל גיהאַט גילוי אליהו, אונ דער דריטער הרב הצדיק ר׳ יהודה ליב ז״ל, ער איז געוועזן אַ גביר מפורסם אין ברדיטשוב אונ ער האָט געמאַכט גרויסע מסחרים מיט רויכוואַרג, אַמאָהל האָט דער ר׳ יהודה ליב געקויפט זייער פיהל רויכוואַרג, האָט מען איהם געמסרת דאָס אַז פעל איז פון אויסלאַנד דאָס הייסט קאָנטרעבאַנד, לויט

לויט דיא זאקאנעס פון יענער צייט האט דיא רעגירונג בעדארפט קאנפעסקירען צו צי נעהמען דיא גאנצע סחורה אונ איהם אונ זיין הויז געזינד ארייגזועטצען אין טורמע אויף אלאנגע צייט, און טורמע האט מען זייא ניט געזעצט ווייל ער האט גיגעבין ערבות דאס ביז נאכין משפט זאלין זייא זיין פרייא. ער האט געשיקט אשליח מיוחד צום הרב הצדיק מאפטע אין מעזיבוז בעטען איהם ער זאל פאר זייא מתפלל זיין, זאל ער זיך ניט שרעקין האט דער צדיק גיזאגט צוא דעם שליח, זיין אונשולד וועט זיך בעווייזען, פאר אבלבול דארף מען ניט בעשטראפט ווערען, בפרט ער, וואס זיין פאטער הרב ייבא דער קדוש האט אגרויסע דעה אויבען אין הימעל, געוויס נאך זיינע הסתלקות וועט ער דארטין מרעיש עולמות זיין. זיינעם אזאהן וועט מען געוויס ניט בעשטראפען פאר אפאלשען בלבול:

הרב ר׳ יהודה ליב׳ס ווייב איז געפאהרען קיין אוסטרהא מתפלל זיין אויף איהר שווער׳ס קבר הרב ייבא, אפאר שעה איז זיא בעלעגין אויף׳ן קבר געווייגט געקלאגט געבעטען רחמים, פון דארטין איז זיא אוועקגעגאנגען צוא איהר שוואגער הרב הצדיק ר׳ אליקום געציל אונ זיא האט איהם ערצייל[ט] פון דיא פאלשע מסירה אונ זיא האט דארטען געגעכטיגט, אין דער פריה האט צו איהר גיזאגט דער שוואגער די געדענקסט דיא האנד שריפט פון מיין פאטער ז״ל, איך געדענק זייער גוט האט זי געגטפערט ער פלעגט שרייבען צו מיין מאן אונ מיר לאזען גריסען, זיינע הייליגע בריף זענען נאך פארהאן ביי אונז, ער האט איהר געוויזען א כתב יד פון זיין פאטער, דארטין איז געשריבען דאס זיין זאהן ר׳ יהודה ליב וועט זיין ריין פון דעם פאלשען בלבול:

דעם הייליגען כתב יד האט ער צו איהר געזאגט האט מיר דער הייליגער פאטער געבראכט בייא נאכט נאך דיין אוועגפעהען פון זיין קבר ער האט דאס מיר געגעבין. איך זאל דאס דיר אבגעבען כדי דו זאלסט דיך אונ דיין מאן בערוהיגען מיט גרויס שמחה איז זיא געפארין אהיים, אין אקורצע צייט איז דער בלבול בטל גיווארין, זייא זענען געבליבען פרייא אונ רייך, אויף אלע יודען גענאגט גיווארין:

## וועהר אווינדערליכע ערצעהלונג פון דעם בעוויסטען רביישען גאון איינער פון דיא גרעסטע תלמודים פון דעם הייליגען בעש"ט זכרונו לברכה רבי ר' פנחס קאריצער זכרונו לברכה דער מחבר פון דער הייליגען ספר מדרש פנחס און אנדערע הייליגע ספרים:

איינמאהל האט דער הייליגער גאון בעוויסטער צדיק רב פנחס'על קאריצער זכרונו לברכה צו גערופען דעם הייליגען גאון, און צדיק ר' שניאור זלמן זכרונו לברכה וועלכער איז בעקאנט אין דער וועלט מיט דעם נאמען „דער רב" דער גייסטיגען פיהרער פון מעהרסטענטייל רוסישע יודין און דער גייסטיגער אנפירער פון דער שיטת החסידות וואס איז בעקאנט מיט דעם נאמען „חב"ד". דער רב איז נאך דאמאלס געוועזען איונגער מאן אין פלעגט צוא פאהרען קיין מעזריטש צום הייליגען רבי'ן ר' בער זכרונו לברכה. האט דער רבי ר' פנחסעל קאריצער געזאגט צום רב קום אהער יונגער מאן וועל איך דיר זאגען פשט און אמדרש, ווייל איך זעה עס וועט קומען אצייט דאס דיא וועסט דארפין זייער נייטיג צו וויסען פשט און דעם מדרש, זעלבסט פערשטענדליך דאס דער רב איז באלד צו געגאנגען צום הייליגען קאריצער און דער קאריצער האט איהם געזאגט דעם פשט און דעם מדרש:

דערנאך איז אזוי איבער געלאפען א היפשע צייט אין דער הייליגער רב ר' פנחס'על קאריצער איז שוין געהאט נפטר געוואהרען אין דער רב איז שוין געוועזען פון דיא גרעסטע און בעדייטענסטע רביס האבען דיא רשעים פון דיא מתנגדים אויף איהם געמאכט אבילבול דאס אזוי וויא דער רב איז דאמאלסט געוועזען דער נשיא פין דעם כולל „חב"ד" אין ארץ ישראל און ער פלעגט אהין צו שיקען פערשידענע געלדער און ווייל דאמאלסט איז געוועזען דיא טערקישע רוסישע מלחמה האבען דיא רשעים פון דיא מתנגדים איהם געמאסערט דאס ער איז אטערקישער שפיאהן אין ער שיקט דיא אלע געלדער צו שטיצען דיא טערקישע רעגירונג, זעלבסט פערשטענדליך דאס מען האט דעם

רב

רב באלד אַרעסטירט און אַוועק געשיקט קיין פעטערבורג און איינגעזעצט און פעסטונג גלייך מיט אלע שפיאָנען. און ער איז אַזוי דאָרט געזעסען מעהר וויא אַ יאָהר צייט און עס איז נישט געוועזען קיין שום מעגליכקייט צו טוהן עפיס וועגען זיין בעפרייאונג ווייל יעדער וואס האָט נאָהר עפיס פאַהר גענומען שריט וועגען דעם איז באַלד אויך אַרעסטירט געוואָהרען :

איינמאָהל איז געקומען איינער פין דיא מתנגדישע לומדים אַגרויסער גביר קיין פעטערבורג וועלכעס עד האָט געהאַנדילט מיט דעם אינערין מיניסטער און ער איז כמעט געוועזען דער גאַנצער אַב בעמער פין דעם גראַפס פרידאָקטען און אַלע זיינע געשעפטען פלעגט ער דורך צו פיהרען נאָהר דורך דעם גבירס פערמיטלונג, זעלבסט פערשטענדליך דאָס דער גביר איז בייא איהם געוועזען אַ גרויסער חשוב און ער האָט צוא איהם געהאַט דעם פולען צוטרוי, און וויא ער האָט שוין געהאַט אַדורך געשמיסט זיך מיט דעם מיניסטער וועגען דיא פערשידענע געשעפטס אַנגעלעגענהייטען האָט איהם דער מיניסטער אָהנגעהויבען צו דערציילען פערשידענע מלוכה זאַכען און אַזוי וויא זיי האָבען געשמיסט האָט זיך דער מיניסטער בארימט פאַר דעם גביר דאָס זינט ער האָט איבער גענומען דאָס אינערען מיניסטעריום ווערט דיא מלוכה געפיהרט און זייער אַגוטען אָרדונינג און עס ווערט נישט געטהון קיין שום פאַלשקייט ווייל עס איז דאָה אַסאַך סאָנדעס און פעהיגע פריקאָראָרען וועלכע פאַרשטען גיט אויס דיא בעשולדיגטע און דער שולדיגער ווערט בעשטראָפט לויט זיין שולד און דרובער קימט היינטיגער צייטען נישט פאָהר קיין שום אַנאַרכיע און קיין רויבערייען וויא אויך קיין שום פאָליטישע פערברעכער וועלכע פלאַנען מלוכה פערשווערונגען ווייל זייא ווערען באַלד ענטדעקט און בעשטראָפט מיט דער געהעריגער שטראָף, און ווייל דער גביר איז געוועזען אַגרויסער ערליכער יוד חוץ זיין גרויסען לומדות האָט ער מתרעם געוועזען אויף זיינע חבירים דיא מתנגדים דרויף וואס זייא האָבען דעם רב געמאַסערט דרובער האָט ער זוכה געוועזען דאָס פין הימעל האָט מען איהם אריין געגעבען אין געדאַנק אריין דיא מעשה פון רב וואס ער זיצט דורך אַפאַלש בילבול :

און ווייל דער גביר האָט געזעהען דאָס דער מיניסטער איז יעצט זייער גיטגעשטימט האָט ער איהם געזאַגט איך האַלט דערבייא דאָס דער

דער מיניסטער שענקט זיינע בעאמטע צו פיעל צוטרוי ווייל ווען עס זאל אלעס זיין אזוי אין ארדענונג אזוי וויא זייא שטעלען דעם הער מיניסטער פאהר פין וואנען קימט דאס אז אין פעסטונג זיצען אומשילדיגע מענטשען אין ערלויב מיר אהנצורופען איינעם פון זייא דער רבי פון לובאוויץ „שניאורסאהן" אין זאל מיר דער הער מיניסטער גלייבען אז אין דעם בילבול וואס מען האט אויף דעם רבי „שניאורסאהן" אויסגעטראכט איז נישט קיין איין ווארט אמת, אין ער האט דעם מיניסטער דערציילט דיא גאנצע מעשה וואס עס קימט פאהר בייא די יודען דורך דער נייער שיטה פין חסידות וואס אייניגע האבען אהנגעהויבען איינצופיהרען אין יודישען רעליגיעזען לעבען. אין דער רב גיהער אויך צו דיא אנהענגער פון דיא נייא שטרעבונגען, און ווייל דער רב איז זייער אגרויסער למדן אין א חכם דרובער איז זייער פערדראס אויף איהם גרויס מעהר וויא אויף אנדערע אנהענגער פון דער נייער שיטת החסידות ווייל דאס איז אגרויסע עוולה פין דעם רב אין אפילו איך אליין בין אויך דערפאר אויף איהם גיט בייז. אבער דאס בילבול וועלכעס מען האט אויף איהם געמאכט איז דורכאויס ליגענט דען ער איז א ערליכער מענטש אין אגרויסער חכם אין אויב דיא בעאמטע האבען איהם איינגעזעצט און פעסטונג פאר א פאלש בילבול ווער ווייסט וויפיהל נאך אזעלכע אומשילדיגע מענטשען זיצען אומזאנסט און דיא פערשידענע ארעסטען. דער מיניסטער האט אזוי אויפמערקזאם אויס געהערט דעם גביר אין ווייל ער האט צו דעם גביר געהאט גרויס צוטרוי אין ער האט נאך געהערט דאס דער גביר איז אויך פון דעם רב׳ס געגענער פין דעסט וועגען לויבט ער איהם אזוי פיהל האט ער פערשטאנען. אז דאס דער גביר זאגט אוודאי זייער אמת:

און נאך אקורצען איבער טראכטען זיך האט ער זיך אהנגערופען צוא דעם גביר אויב דער „שניאורסאהן" איז טאקע אזוי אגרויסער מאן בעוויסט מיט זיין תורה אין חכמה דאס אפילו זיינע געגנער מיזען דאס אויך מודה זיין איז דאך אגרויסע עוולה אז אזוי א מענטש זאל אומזאנסט זיצען און דעם פעסטונג צווישען פערברעכער אלזא האט ער געבעטען דעם גביר ער זאל אביסעל צו ווארטען אין ער האט תיכף טעלעפאנירט אין פעסטונג אריין דאס מען זאל צוא איהם שיקען דעם רב „שניאורסאהן" און וויא דער רב איז אריין געקומען

צו

צו דעם מיניסטער. האָט דער מיניסטער צו איהם געזאָגט דיא זאָלסט וויסען אַז איך וועל דיך בעפרייען פון אַרעסט צוליעב דעם מענטש וואָס ער שטייט דאָה אין ער האָט מיר געזאָגט דאָס מען האָט אויף דיר אויס געטראַכט אַ פאַלטש בילבול אין דיא גאַנצע זאַך איז ליגענט. דרובער ווייל דער מענטש איז זייער אַנערליכער מענטש אין איך האָב צו איהם דעם פילען צוטרוי לאָז איך דיך פריי, דער רב איז זייער איבער גערַאשט געוואָהרען פון דעם מיניסטערס פלוצלונג בעפרייאונג ווייל ער האָט געוויסט דאָס עס איז געוועזען אומגאַטירלעך איהם צוא בעפרייען דרובער האָט ער זיך געווענדעט צו דעם גביר אין געזאָגט איך בין זייער אין גרויס פערלעגענהייט ווייל על פי דין טאָהר מען דאָך נישט זיין אומדאַנקבאַר אין דאָה האָב איך דאָך נישט דיא מעגליכקייט מיט וואָס אייך אויס צו דריקען דאַנקבאַרקייט ווייל מיט קיין געלד קען איך אייך נישט מהנה זיין ערשטענס ווייל איך האָב נישט אין צווייטענס זעהט אויס דאָס איהר זענט אַ עושר אַליין מיט וואָס קען איך אייך אָבדאַנקען פאַר דעם וואָס איהר האָט געווירקט לטובת מיין בעפרייאונג, האָט דער גביר גיענטפערט דעם רב איהר קענט מיר דאַנקען מיט לערנען באָהר אַזוי וויא דאָה איז נישט דאָס אָרט דער פון. דרובער אויב איהר ווילט טאַקע אין אמת מיר דאַנקען זאָלט איהר אייך מטריח זיין צו איינעם פון דיא דרייא בעוויסטע מתנגדישע גאונים און שמיסען מיט זייא אין לערנען אין דאָס וועט זיין מיין דאַנק, דער רב האָט דעם גביר גיענטפערט דאָס ער וועט דאָס געוויס מקיים זיין אין נאָך איידער ער וועט אַהיים פאָהרען, דאָס הייסט אַז ער וועט גלייך פון דאַנען פאָהרען צו איינעם פון דיא מתנגדישע גאונים שמיסען מיט איהם אין לערנען, אין ער האָט זיך מיט דעם גביר זייער האַרציג געזעגענט אין איז אַוועק געפאָהרען:

**פאָהרענדיג** אין וועג האָט דער רב זיך נאָך געפרעגט ווער עס איז דער גרעסטער פון דיא דרייא מתנגדישע גאונים, האָט מען איהם געזאָגט דאָס ער וואָהנט אין שקלאָוו. זעלבסט פערשטרנדליך דאָס ער איז געוועזען דער גרעסטער גאון און דער וועלד, און וויא דער רב איז צו איהם אַריין געקומען האָט ער איהם געפרעגט ווער ער איז. האָט איהם דער רב געזאָגט זיין נאָמען. אין וועגען וואָס ער איז געקומען. האָט דער גאון איהם נישט געוואָלט געבען קיין שלום אין נישט געהייסען זעצען פערקערט ער האָט זיך אויף איהם

זייער

ווייער געבייזערט אין איהם געזאָגט וואָס האָסטו עפּיס דיר געמאַכט אַנייעם דרך אין יודישקייט וועלכעס אונזערע עלטערען האָבען דער פון נישט געוויסט און דיא האָסט דיך איינגעקויפט צווישען דער חברה חסידים דיא ליידיג גייערס וואָס דרייען זיך אַרום ביא טאָג און ביא נאַכט אין קיקען נישט אָהן קיין יודיש ספר. מילא דער וואָס קען נישט לערנען איז נאָך נישט אַזוי אַגרויסער פערדראָס אָבער דיא קענסט דאָך יאָה לערנען לויט ווי איך האָב געהערט איז דאָך אַגרויסע עבירה אַז דיא זאָלסט מבטל זיין פון לערנען אַזוי ווי דיא חסידים דיא ליידיג גייערס, עס האָט אפילו דעם רב אַביסעל פערדראָסען וואָס דער מתנגד ערלויבט זיך אַזוי פיהל צו שענדין אין רעדען לשון הרע אויף אַזעלכע מענטשען וואָס ער קען זייא גאָהר נישט אין נאָהר ער האָט געהערט פון דיא רשעים דיא בעלי לשון הרע זאָגערס וואָס זענען געוועזען צווישען דיא מתנגדים, נאָהר ער האָט זיך איינגעהאַלטען אין געזאָגט איך בעט אייך זייער איבער פון דעם וועלען מיר שפּעטער שמיסען אין יעצט בעט איך אייך איהר זאָלט מיר צוליב טוהן, וואָס איך בין געקומען צו אייך שמיסען אין לערנען איך זאָל קענען מקיים וואָס איך האָב דעם גביר צו געזאָגט:

דער גאון האָט געזעהן אַז ער וועט יעצט מיט איהם גאָהר נישט מאַכען האָט ער איהם געזאָגט צו איז אמת וואָס מען זאָגט אויף דיר דאָס דיא ביסט קלאָהר אין גאַנץ ש"ס. האָט דער רב גיענטפערט אין אויב נאָהר אין האַלב ש"ס איז נישט גיניג. האָט איהם דער גאון געפרעגט און וועלכען האַלבען ביסטו קלאָהר האָט איהם דער רב גיענטפערט אין וועלכען איהר ווילט, האָט איהם דער מתנגדישער גאון געזאָגט אויב דיא ביסט טאַקע קלאָהר אין גאַנץ ש"ס זאָג מיר וויפיהל מאָהל געפינט זיך דאָס וואָרט תא שמע אין ש"ס דער גאון האָט שוין לאַנג געהאַט נאָך גערעכענט אין ער האָט יעצט געוויסט פינקטליך וויפיהל מאָהל דאָס ווערט געפינט זיך אָבער דער רב האָט דאָס נאָך קיינמאָהל נישט געהאַט נאָך גערעכענט ווייל עס איז איהם נישט פאָהר געקומען קיין צורך דער צו. אַלזאָ האָט ער יעצט געמוזט איבער חזרון אויסענווייניג גאַנץ ש"ס ער זאָל וויסען וויפיהל מאָהל דאָס וואָרט תא שמע געפינט זיך. האָט ער געבעטען דעם גאון ער זאָל איהם געבען אַ בעזונדער חדר און טינט אין פעדער מיט פּאַפּיר וועט ער איהם זאָגען, דער גאון איז גלייכצייטיג געוועזען אַגרויסער גביר

אין

אין האָט זיך זייער רייך בעוואָהנט האָט ער דעם רב תיכף אָהנגעוויזען א ווייטיג צימער וואָס עט איז קיינער דאָרט נישט אריינגעקומען און איהם געגעבען טינט און פעדער און פאַפּיער אין דער רב האָט זיך דאָרט אוועק געזעצט אין אָהנגעהויבען צו רעכינען יעדען מסכת בעזונדער וויפיהל מאָהל עס געפינט זיך דאָס וואָרט תא שמע אין דעם ערשטען פרק און אַזוי אין צווייטען און אין דריטען ביז ער האָט שוין געוויסט וויפיהל מאָהל תאָ שמע געפינט זיך און דער גאַנצער מסכת אין ער האָט אויפגעשריבען אויף'ן פאַפּיר אַזוי פיהל תא שמע געפינט זיך אין דעם ערשטען פרק ברכות אין אַזוי פיהל אין דעם צווייטען אין אַזוי ווייטער. אַלזאָ קימט אויס סך הכל איז פערהאַנדען אין דער מסכת ברכות כך וכך מאָהל דאָס וואָרט תא שמע, אין דערנאָך האָט ער אַזוי געטהון אין מסכת שבת פרוהער איבער גערעכענט יעדען פרק בעזונדער אין אין דער נאָך דעם סך הכל וויפיהל עס איז דאָה אין דער גאַנצער מסכת ביז ער האָט אַזוי אויס גערעכענט וויפיהל מאָהל תא שמע עס געפינט זיך אין גאַנץ ש"ס זעלבסט פערשטענדליך אַז דאָס איז געוועזען אויסענווייניג:

נאָכהער וויא ער האָט גיענדיגט זיין רעכינונג אויף וועלכער האָט געדויערט אַ שיינע פאָהר שעה איז ער אַריין געקומען אין ער האָט געזאָגט דעם גאון דאָס פונקטליך געפינט זיך אין ש"ס כך וכך מאָהל דאָס וואָרט תא שמע, אָבער וויא גרויס איז געוועזען דעם מתנגדישען גאונס פרייד אַז ער האָט געפּאַקט דעם רב בייא איין טעות, אין ער האָט וויא אויפגעשטראָהלט און געזאָגט צום דעם רב יעצט זעהסטו אַז עס איז נישט ליגינט וואָס מען זאָגט אַז דיא חסידים דרייען זיך אַרום טעג אין נעכט ליידיג, דיא ביסט דאָך פון זייערע גרעסטע לומדים אין קענסט גאַנץ ש"ס אויסענווייניג פון דעסטוועגען האָט דיר אוך געשאַדט דאָס חברון מיט זייא אין מסתמא נישט איינמאָהל ביטול תורה דאָס אפילו נאָך אַזוי אַנאָנגעשטרענגטע אַרבייט האָסטו נישט ריכטיג געלעזען מיין פראַגע, דער רב איז זייער אויפגערעגט געוועזען פון דעם מתנגדס רייד ווייל ער האָט דאָך געוויסט אַז ער איז גערעכט און דער מתנגד האָט אַ טעות אין נאָהר קימען צוא גרויס מיה האָט ער זיך איינגעהאַלטען דעם גאון נישט איבער צו רייסען אין מיטען דיא רייד ווייל עס איז נישט קיין דרך ארץ אַזוי וויא דער תנא רעכינט אויס אין אבות אין דיא זיבען מדות וואָס זענען אין אַ גולם ער אַז

א נבהל להשיב דאָס הייסט ער איילט זיך אָב צו פרעגען איידער ער הערט נאָך אויס וואָס יענער רעדט פרעגט ער שוין יענעם אָב. אין א חכם איז פינקט פערקערט ער הערט פריהער אויס וואָס יענער זאָגט אין דערנאָך אַז ער בערעכינט זיך גוט און ער פערשטייט שיין וואָס יענער האָט געמיינט אין פינדעסטוועגען זעהט ער אַז עס איז דאָה עפּיס אָב צו פרעגען דאַמאָלסט פרעגט ער הערשט אָב, דרובער האָט דער רב אויך אויס געוואַרט ביז דער גאון האָט גיענדיגט זיינע ווערטער אין נאַכהער האָט ער איהם געזאָגט איהר זענט גערעכט דאָס עס איז פערהאַנדען נאָך דריא מאָהל תא שמע אין ש"ס וועלכע איך האָב נישט גערעכנט אָבער נישט דערפאַר האָב איך זייא נישט גערעכענט ווייל איך האָב זייא פערגעסען נאָהר ווייל דיא דרייא תא שמע'ס זענען נישט גלייך צוא אַלע תא שמע'ס וואָס געפינען זיך אין גאַנצען ש"ס. ווייל אַלע מאָהל איז דער בעדייטונג פון דעם וואָרט תא שמע אָדער אַקשיא אָדער פּושט צו זיין איבעי' דאָס הייסט אַזאַך וועלכעס מען קלערט דערבייא, אָבער אויף דיא דרייא ערטער איז דאָס וואָרט תא שמע פין אַנאַנדער בעדייטונג נעמליך תא. קום. שמע. הער. ואגמורך. וועל איך דיך לערנען, אַלזאָ האָט דאָס אַנאַנדערע בעדייטונג וויא דיא אַלע בעווּסטע תא שמע'ס אין דערובער האָב איך זייא נישט גערעכענט אָבער נישט ווייל איך האָב זייא נישט געדענקט:

וויא דער גאון האָט דאָס דער הערט איז ער זייער איבער רעשט געוואָהרען דען ער האָט איינגעזעהן דאָס ער האָט טאַקע נישט ריכטיג אַריין גערעכענט דיא דרייא מאָהל תא שמע אין ווייל ער איז געוועזען אַ־באמת'דיגער גאון און אנאוהב תורה האָט ער זייער גדאַנקט דעם רב וואָס ער האָט איהם אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דעם טעות אין ער האָט איהם געגעבען שלום אין געבעטען זעצען אין שוין אָנגעהויבען אין איהם נוהג כבוד צו זיין אין ער האָט איהם ווידער אָנגעהויבען צו שטראָפען מיט גיטע רייד דאָס אויב איהר זענט טאַקע אַזוי אַגרויסער גאון אין איהר קענט מיט אייער גאונות אויפטהון אַסאַך ממש פערשאַנען דיא וועלט איז דאָך א וודאי אַגרויסע עוולה וואָס איהר זענט אייך מחבר צו דיא חסידים וועלכע קענען נישט און ווילען נישט לערנען. האָט איהם דער רב גיענטפערט איך האָב דאָך אייך שוין איינמאָהל געזאָגט אַז וועגען דעם וועלען מיר שפּעטער שמיסען און יעצט וויל איך איהר זאָלט מיט מיר שמיסען און לערנען אַזוי ווא איך האָב צוא

יצזאגט

געזאָגט דעם גביר וועלכער האָט זיך משתדל געוועזען וועגען מיין בעפריינדער, האָט דער גאון אביסעל געשוויגען און ער האָט זיך מיישב געוועזען וואָס פאַר א ענין ער זאָל אָהנהייבען שמיסען מיט דעם רב, אָבער איין איינציגע מינוט האָט ער רעזיגניערט פון זיין פלאַן, און האָט זיך געוועגדערט צו דעם רב מיט א ערקלעהרונג דאָס ער געפינט נישט קיין מעגליכקייט צו שמיסען מיט איהם אין לערנען. וויל וואָס קען ער איהם דען פרעגען א שאלה און הוראה צו נאָך אַזעלכע פראַגען אז ער איז קלאָהר אויסענווייניג אין גאַנץ ש"ס, האָט איהם דער רב זייער געבעטען דאָס ער זאָל עפּיס אויסזיכען א ענין פון וואָס צו שמיסען און לערנען, וויל ער האָט דעם גביר צוא געזאָגט דאָס ער וועט מיט דעם גאון שמיסען אין לערנען, אין דאָס איז געוועזען זיין גאַנצער דאַנק, דרובער טאָהר ער דאָך נישט זיין קיין כפוי טובה, דאָס הייסט אומדאַנקבאַר זיין דעם גביר וועלכע האָט איהם אויף אַזוי אווינדערליכען אופן געטרעטען וועלכעס דיא אַלע זיינע גוטע פריינד האָבען איהם גאָהר נישט געקענט אַרויס העלפען פון זיין אומגליק וואָס עס האָט איהם געטראָפען:

**וויא** ער האָט איהם אַזוי געבעטען האָט זיך דער גאון אהנגערופען צו דעם רב איך האָב מיך יעצט דערמאַנט א ענין פון וועלכען מיר וועלען קענען שמיסען, נעמליך אַ מדרש רבה וועלכען איך מוטשע מיך שוין בייא איהם פיהל יאָהרען און איך וויים נישט קיין פשט, און חאָטש עס פאַלט מיר נישט איין דאָס איהר זאָלט יאָה וויסען דעם ריכטיגען פשט, וויל איך מיטשע מיך שוין פיהל יאָהרען דערביי און האָב שוין געשמיסט מיט אַסאַך פון אונזערע גרעסטע גאונים און זייא האָבען נישט געוויסט, אָבער וויל איהר בעט מיך איך זאָל מיט אייך עפּיס שמיסען אין לערנען וועלין מיר דעריבען שמיסען, דער גאון האָט פאָהר געזאָגט פאַר דעם רב דיא שטעלע אין מדרש בייא וועלכע ער מאַטערט זיך אַזוי פיהל און געפינט נישט קיין רעכטיגע ערקלערונג, און גאַנץ גלייכגילטיג אָבגיוואַרט מיט וואָס פאַר אָרגעמענטען דער רב וועט פרובירען ערקלערען דיא שווערע שטעלע אין מדרש, דער רב אָבער תיכף וויא ער האָט געהערט דעם מדרש אין דיא אַלע קשיות וועלכעס דער גאון האָט געפרעגט האָט ער זיך דערמאַנט דאָס אַלאַנגע צייט האָט דער הייליגער גאון ר' פנחס'על קאריצער איהם געזאָגט דעם פשט

פון

אין דעם מדרש אין ער האט איהם אויך דאמאלסט בעמערקט אז עס וועט קומען א צייט דאס ער וועט איהם ווייער צו ניין קומען האט ער שוין יעצט פערשטאנען אז דער היילגער גאון ר׳ פנחס׳ל קאריצער זכרונו לברכה האט דאס אללעס געזעהן מיט רוח הקודש וואס מיט איהם וועט פאהרקומען. אין ער האט דעם גאון באלד גיענטפערט דאס דער מדרש קען מען ערקלערין מיט א הקדמה פון א בעוויסטע שטעלע אין גמרא:

דער גאון דערהערינדיג דאס דער רב האט שוין דיא מעגליכקייט איהם צו ערקלערען דעם שווערען מדרש וועלכעס ער מאטערט זיך שוין דער ביי אזוי פיהל יאהרען אין האט שוין אויך אויסגעפרעגט דיא גרעסטע מתנגדישע גאונים און זייא האבען אפילו נישט געהאט קיין מעגליכקייט אנצוהייבען צו פערענטפערען דעם שווערען מדרש און דאה זאגט דער רב דאס ער קען איהם שוין זאגען דעם ריכטיגען פשט און נאך מיט אזוי אזיכערקייט אז דאס איז דער ריכטיגער פשט, און עס וועט דעם גאון געוויס געפעלען. איז ער געבליבען שטיין ווייער פער ווינדערט ער האט פשוט נישט געגלויבט אז דאס זאל זיך ווירקליך בעשטעטיגען. און ער האט זיך פערטיעפט אין דיא פערשיידענע שטעלען אין גאנץ ש״ס וואס איהם איז נאהר פאהר געקומען דאס זייא קענען האבען א שייכות צוא דעם ענין פון וועלכען דער מדרש שמיעסט, אבער ער האט דיא געהעריגע שטעלע נישט געפינען אין גאנץ ש״ס וועלכעס ער האט א דורך געווארפען אין זכרון דורך דיא פאהר שעה. אין דרובער האט ער זיך געווענדעט צוא דעם רב דאס לויט זיין געדאנק געפינט זיך נישט אין גאנץ ש״ס א ארט דורך וועלכען מען זאל קענען ערקלערען דעם ריכטיגען פשט און דעם מדרש. האט איהם דער רב געזאגט אז דיא גמרא געפינט זיך אין סדר נזיקין, דער גאון איז שוין פערדראסיג געווארען אויף זיך אליין אין האט אהנגעהויבען צוא זיכען אין אלע מסכתות פון סדר נזיקין א גמרא וועלכע זאל זיך צוא פאסען צוא אנערקלערינג אויף דעם שווערין מדרש אבער עס איז אללעס געוועזען אהן ערפאלג, אלזא ער האט געמוזט בעטען דעם רב אז ער זאל איהם ארויסזאגען וועלכע גמרא ער מיינט אין אויך וויא אזוי ער ערקלערט דורך איהר דעם שווערען מדרש, דער רב האט איהם געזאגט וויא דיא שטעלע איז און אין וועלכע מסכת זיא איז און וויא אזוי דורך איהר ווערט ערקלערט דער שווערער מדרש. דער רב

האט

האט איהם אללעס ערקלערט אז עס איז נישט געבליבען קיין איין קשיא און דער מדרש איז זייער ריכטיג געווען דאס ווען נישט דיא קשיות אין דעם תירוץ האט דער מדרש גאהר נישט געהאט אזוי אריינען אינהאלט . וויא דער גאון האט דאס דערהערט איז ער זייער דערפרעהט געוואהרען און ער האט דעם רב ארום געחאפט און געקושט און איהם זייער מכבד געווען און ער האט גאהר געהאט אין גאנצען פערגעסען די פריהערדיגע חשבונות וואס ער האט געהאט מיט דעם רב ווענען זיין התחברות צו דיא חסידים ווייל ער איז געווען אנ'אמת'דיגער אוהב תורה און דער חידוש האט בייא איהם מעהר ווערט געהאט וויא דיא מתנגד'שע חשבונות :

יעצט האט דער רב געזאגט וועל איך אייך ערקלערען דאס וואס איהר האט מיך געפרעגט פערוואס איך האב מיך מתחבר געווען צו דיא חסידים און איהר האט דערבייא אויסגעשאטען דאס ביסעל רכילות וואס דיא רשעים רעדען אויס פער אייך אויף דיא חסידים און זייערע רבי'ס וועלכע גייען אין דעם הייליגען בעש"ט'ס דרך, און יעצט וועט איהר קענען זעהן אקלאהר בילד פון דעם הייליגען בעש"ט'ס תלמידים און איהר וועט וויסען דאס איהר האט דרוגען ווירקליך א טעות געהאט וואס איהר האט אייך געלאזט פערפיהרען פון דיא לשון הרע'ניקעס. איהר האט דאס געוויסט בעמערקט דאס איך האב גאהר נישט געקלערט אין דעם שווערען מדרש וועלכען איהר האט מיר פאהר געזאגט און איהר וויסט דאך וויא שווער דער מדרש איז אז איהר האט זיך שוין אזוי אלאנגע צייט געמאטערט דערבייא און נישט געקאנט געפינען קיין וועג צו דעם פערענטפערונג וויא אויך דיא אלע גאונים וואס איהר האט מיט זייא געשמיסט געוויס האבען זיי יעדערער געפרובט מיט אלע מיגליכקייטען צו פערענטפערען און האבען נישט געקאנט. און איהר האט דאך שוין געוויסט דאס איך בין ב"ה קלאהר אין ש"ס און פינדעסט וועגען האט איהר מיר געזאגט אז עס איז אייך קיין ספק נישט דאס איך וועל אויך נישט וויסען . און פלוצלונג האב איך אייך תיכף געזאגט דעם ריכטיגען פשט אומגעקלעהרט, וואס איהר מיינט אזוי האט איהר א טעות, נאהר דיא מעשה דער פון איז אזוי שוין מיט אסאך יאהרען האב איך זיך געטראפען מיט איינעם פון דעם הייליגען בעש"ט'ס תלמידים דער בעוויסטער הייליגער גאון ר' פנחס'על קאריצער זכרונו לברכה, איך בין נאך דאמאלסט געווען א יונגער מאן, האט מיך דער הייליגער קאריצער צו גערופען און מיר געזאגט

בזה

בזה הלשון יונגער מאַן קום אַהער וועל איך דיר זאָגען אַ פשט אין אַ שווערע שטעלע פון דעם מדרש רבה ווייל עס וועט אמאָהל קומען אַ צייט דאָס עס וועט דיר דער פשט גיט ניץ קומען. זעלבסט פערשטענדליך דאָס איך האָב מיר דעם פשט גיט גענומען און געדאַנק אַריין אָבער עס איז איבער געלאָפען אַלאַנגע צייט אין איך האָב נישט געוויסט וואָס דער הייליגער קאָריצער האָט געמיינט דער מיט. נאָהר יעצט וויא איהר האָט מיך געפרעגט דעם פשט אין דעם מדרש האָב איך מיך דער מאָנט אין האָב פערשטאַנען דאָס דער הייליגער קאָריצער זכרונו לברכה האָט דאַמאָלסט דאָס אַלעס געזעהן ברוח הקודש אין דרובער האָט ער מיר דאַמאָלסט מגלה געוועזען דעם ריכטיגען פשט אין דעם מדרש, און יעצט קענט איהר שוין פער שטיין אַביסעל דאָס גרויסקייט פון דעם הייליגען בעש"ט מיט זיינע תלמידים הן אין לערנען נגלה דאָס הייסט ש"ס ופוסקים, הן אין קבלה אין אז מן השמים איז מען זייא מגלה אַזעלכע שווערע זאַכען מפורש צו זיין וועלכעם קיין שום גאון אין דער וועלט איז נישט מעגליך דאָס מפורש צו זיין אין אַלעס בזכות זייער אמת'דיג דביקות אין בורא-ית', דער גאון איז דער פון זייער פערוואונדערט געוואָהרען אין ער האָט איבער געבעטען דעם רב ער זאָל איהם מוחל זיין וואָס ער האָט איהם פריהער געמוסרט וואָס ער האָט זיך מתחבר געוועזען צוא דיא חסידים אין איז מבטל פון לערנען אין אויך וואָס ער האָט מבזה געוועזען בכלל אַלע חסידים מיט זייערע רבי'ס אין ער האָט זיך פער ענטפערט דאָס ווייל ער האָט זיך אָהנגעהערט וועגען זייא אַזוי פיהל שלעכטע זאַכען האָט ער שוין מורא געהאַט אפילו גאָהר צו רעדען מיט וועלכען חסיד ער זאָל זיך איבער צייגען דעם אמת. אָבער פון היינט אָהן וועט ער אַליין זיינע אַלע חבירים דיא מתנגדישע לומדים זאָגען זיין בעסטען מיינונג וועגען דיא חסידים. דער רב האָט זיך מיט איהם הערצליך געזעגענט און איז אהיים געפאָהרען. דער זכות פון דיא הייליגע צדיקים זאָלען אינז בייא שטיין אין מיר זאָלען זוכה זיין צו זעהן וויא דאָס בית הסקדש וועט געבויט ווערין במהרה בימינו אָמן:

# א וואונדערליכע ערצעהלונג פון הייליגען צדיק ר׳ הירשעלע קאמינקער זכרונו לברכה אין מיט זיין פרוי:

דער הייליגער צדיק דער רבי ר׳ הירשעלע זכרונו לברכה האט שטארק חשק געהאט צו פאהרען קיין ארץ ישראל נאהר וויל ער האט זיך געפיהרט שטארק פערבארגען מיט זיין גרויס צדקות אין איז געזעסען ביי טאג אין ביי נאכט אין בית מדרש אין געלערנט אין קיינער האט פון איהם נישט געוויסט ער איז געוועזען אגרויסער ארימאן רחמנא ליצלן. אין ער האט דעם דאזיגען פערלאנג נישט געקענט אויס פיהרען אין ער האט דערפין געהאט גרויס עגמת נפש, אין וויל ער האט געלערנט תורה לשמה האט מען פין הימעל איהם געהאלפען זיין רצון צו דערגרייכען אין מען האט איהם צוא געגעבען דיא מעגליכקייט דערצו אויף גאהר אווינדערליכע אופן, אין דיא מעשה איז אזוי געוועזען. אין דער שטאדט קאמינקע פלעגט צו זיין צווייא גרויסע ירידים איינער נאך פסח אין דער צווייטער נאך סוכות. איינמאהל אויף דעם יריד נאך פסח איז אריינגעקומען א אלטע גוישער בעטלער צוא דעם רבי'ן ר׳ הירשעלע זכרונו לברכה אין שטיב אריין דער רבי איז דאמאלסט נישט געוועזען אין שטיב. וויל ער פלעגט צו זיצען אין בית מדרש אין לערנען ביי טאג אין ביי נאכט. אין ער האט געבעטען ר׳ הירשעלעס פרוי זיא זאל איהם ערלויבען איבער צוא לאזען זיינע שטיוועל בייא איהר ביז פאר נאכט וויל ער גייט אויף דעם יריד איז איהם שווער צו גיין אין אזעלכע גרויסע שטיוועל דיא רביצין האט איהם אהנגעוויזען א ארט אינטער דעם באנק בעטעל וואס זיא פלעגט דרונטען האלטען דיא קיך כלים דער בעטלער האט זייא דארט אנידער געלייגט אין ער איז זיך אוועק געגאנגען, אבער נאך דעם יריד איז ער נישט צוריק געקומען אב נעמען זיינע שטיוועל דיא רביצין וואס האט גיט געקענט דעם חאראקטער פין איהר הייליגען מאן. האט זיא איהב נישט געוואלט פערדרייען דעם קאפ מיט דעם קליינליכען בייעס אין צווייטענס איז בייא איהר נישט געוועזען קיין זיכער דאס דער בעטלער וועט נישט קומען נאך דיא שטיוול אלזא האט זיא דאס איהר מאן נישט דערציילט ביז דיא גאנצע זאך איז פין איהר אליין

אויף

אויך פערגעסען געוואָהרען ווייל זיא פלעגט זייער ווייגעג דאָרט ניצען
אינטער דעם באַנק בעטעל אין עס איז אַזוי אַריבער געלאָפען דער
גאַנצער זומער אין עס איז אויך אַדורך געגאַנגען דער נאָך סוכות
דיגער יריד אין דער גאַנצער ווינטער אין דער בעטלער איז נישט
געקומען נאָך זיינע שטיוועל, עס איז געקומען פאַר פסח צוא בדיקת
חמץ איז דער הייליגער ר׳ הירש׳עלע אַהיים געקומען אין ער האָט
צוא געהאָלפען זיין פרוי דיא רביצין אויסרוימען דיא שטיב אין
אַדורך צוא קיקען אַלע ווינקעלעך אויב עס געפינט זיך און זייא חלילה
נישט קיין חמץ ביז זייא זענין צוא געקומען צוא דעם באַנק בעטיל
און האָבען דאָרט אָהנגעהויבען אַפער צוא רוממען אַללעס וואָס עס
האָט זיך דאָרט געפינען אין זייא האָבען זיך אָהנגעשלאָגען און זייער
אַשווערע זאַך זייא האָבען זיך ביידע געמאַטערט ביז זייא האָבען דיא
זאַך אַפער געשלעפט. און צוא זייער פערווינדערונג האָבען זייא געזעהן
אַז דאָס איז אַפּאָהר גרויסע אויסער געוועהנליכע שטיוועל זייא האָבין
זיך זייער געווינדערט פון וואַנען עס נעמט זיך דאָרט דיא שטיוועל ביז
דיא רביצין האָט זיך דערמאַנט דאָס נאָך פאַר אַ יאָהרען האָט צוא איהר
אַנאַלטע גויעשער בעטלער דיא שטיוועל אַריינגעבערענגט אין ער האָט
געזאָגט אַז ער וועט ביא נאַכט צוריק זייא אַבנעמען אין דאָה איז שוין
אַדורך געגאַנגען דער סוכותדיגע יריד ווייא אויך דאָס גאַנצע יאָהר אין
ער איז נישט געקוממען נאָך דיא שטיוועל דרובער איז זייא דיא זאַך
זייער אויפפאַללענד געוואָהרען אין זייא זענען צוא געגאַנגען זעהן וואָס
דיא שטיוועל זענען אַזוי אויסער געוועהנליך שווער:

אָבער ווייא איבער רעשט זענען זייא געוואָהרען זעהנדיג דאָס דיא
שטיוועל זענען פיהל מיט גילדענע רענדליך, דער הייליגער
רבי ר׳ הירשעלע האָט באַלד געזאָגט צוא זיין פרוי דיא רביצין דאָס
געלד האָט מען אינז געשיקט מן השמים מיר זאָלען קענען פאָהרען
קיין ארץ ישראל, און תיכף נאָך פסח איז ער אַוועק געפאָהרען קיין
ארץ ישראל, יעצט וועלין מיר דערציילען פון זיין פרוי דיא רביצין
זיא האָט געהאַט אַ זכות אין הימעל דאָס ווייא עס איז געוועזען אַפרוי
וועלכע איז געגאַנגין שווער צום קינד און אַז דיא רביצין איז צוא
איהר אַריינגאַנגען תיכף ווייא זיא איז צוא געקומען צוא דער שוועל
פון דעם חדר ווייא דיא יולדת איז געלעגען האָט השי״ת געהאָלפען דאָס
דיא פרוי האָט געהאַט דאָס קינד, און ביא דיא קאַמינקער איינוואָהנער

אין

איז דיא זאך שוין געוועזען בעווּסט צוא אַלעמען אין וויא באַלד עס האָט זיך געטראָפען אפרוי וועלכע איז שווער געגאַנגען צום קינד איז מען תיכף געלאָפען ציא דער רביצין אונ וויא דיא רביצין איז געקומען קיין ארץ ישראל האָט דאָך קיינער דער פון נישט געווּסט, אַלזאָ האָבען זייא בעשלאָסען זייא זאָלען דיא זאך נישט מגלה זיין פאַר קיינעם, איינמאָהל איז בייא אַ שכן לעבען זייא געוועזען אַ פרוי וואָס זיא איז געגאַנגען שווער צום קינד מען האָט שוין גערופען אַלע שטאָטישע דאָקטורים אין זייא האָבען גאָהר נישט געקענט העלפען האָט דער רבי ר׳ הירשעלע געהייסען דיא רעביצין זיא זאָל אַריין גיין צוא דער יולדת גאָהר זיא זאָל זיך היטען עס זאָל קיינער נישט בעמערקען דאָס תיכף נאָך איהר איבער טרעטען דיא שוועל איז דיא געווינערען געהאָלפען געוואָרען כדי די זאך זאָל נישט בעווּסט ווערין, זעלבסט פערשטענדליך דאָס דיא רביצין האָט תיכף איהר מאַן צו ליעב געטוהן אין איז געגאַנגען צוא דער פרוי דיא שכנ׳תה אין דיא פרוי איז טאַקע באַלד געהאָלפען געוואָהרען אין האָט בשלום געהאַט דאָס קינד. אָבער דאָס ערשטע מאָהל איז איהר נאָך געלונגען דיא זאך אַדורכצופיהרען אומבעמערקט, אָבער דער פאַל איז נישט געוועזען דער לעצטער עס איז פאָהר געקומען נאָך פיהל מאָל וואָס זיא האָט געמוזט גייען צוא פרויען וועלכע זענען געוועזען מסוכנדיג בייא דעם געווינען אין אַזוי ווי זיא איז צו געקומען צוא דער שוועל פלעגען זייא געהאָלפען צוא ווערען און דרובער האָט עס געצויגען דאָס אויפמערקזאַמקייט פון דיא נייגעריגע מענטשען אין זייא האָבען אָהנגעהויבען גוט צוא צי קיקען ביז זייא האָבען שוין קיין שום צווייפעל אין דער זאך נישט געהאַט אַז די פרויען ווערען געהאָלפען אין דעם זכות פון דער רביצין. אַלזאָ האָבען זייא דיא זאך מפורסם געמאַכט און שטאָדט אין אויך אין דער אומגעגענט און אַלע מאָהל ווען עס פלעגט טרעפין אַפאַל דאָס אַפרוי איז געגאַנגען שווער צום קינד פלעגט מען תיכף צוא לויפען צוא דער קאַמינקער רביצין אין זיא האָט אין קיין פאַל נישט אָפּ געזאָגט חלילה קיין שום מענטש וויא אויך נישט געצויגען חלילה דער פון קיין שום ניצען גישט קיין געלד און נישט קיין שום מתנות:

**איינמאָהל** איז דעם פאַשאַ׳ס דאָס איז אַ טערקישער סטאַראָסטווע אַטאַכטער שווער געגאַנגען צום קינד דער פאַשאַ האָט תיכף געשיקט רופען אַלע דקטוירים, אָבער זייא האָבען גאָהר נישט געקענט

געקענט איהר העלפען, דער פּאַשאָ איז זייער דערשראָקען געוואָהרען ווייל דיא טאָכטער איז ביא איהם זייער געליעבט געוועזען און ער האָט טעלעגראַפירט קיין קאָנסטאַנטינאָפּעל נאָך דיא גרעסטע אַקושער פּראָפעסאָרען אָבער זייא האָבען קיין שום עצה נישט געהאַט, וויא אַזוי דיא געוויינערען צוא ראַטעווען מיט איהר קינד זייא האָבען געמאַכט אַ קאָנסולע אין האָבען זיך בעראַטען און בעשלאָסען דאָס איינער פון דיא ביידע מוז שטאַרבען אָדער דיא מוטער אָדער דאָס קינד, וויא זיי האָבען דאָס געזאגט דעם פּאַשא האט ער זיך זייער ביטערליך צוא וויינט ווייל ער האט זיך קיין עצה נישט געקענט געבין דען דיא ביידע נפשות זענען ביא איהם טייער געוועזען און ער האט זיך נישט געקאנט בעשליסען וועלכעס ער זאל אַוועק שטויסען פאַר דעם צווייטען און ווייל ער איז געוועזען זייער אַגוטער צוא דיא יודישע איינוואָהנער פון דער שטאָדט האָט ער בעשלאָסען זיך צוא ווענדען צוא איינעם פון דיא פיהל יודישע רבנים וועלכע האָבען זיך געפינען און דער שטאָדט נאָך הילף און זיין נויט. אָדער על כל פנים ער זאָל איהם אַריכטיגע עצה געבען וועלכעס ער זאָל זיך אויסקלויבען. ער האָט די פּראָפעסאָהרען געבעטען זייא זאָלען זעהן דיא זאַך נאָך אַביסעל אויפצוהאַלטען און ער איז אַוועק אין דעם יודישען קוואַרטאָל צוא זיין פריינד דעם אַלטען רב, דער רב האָט איהם זייער פיין אויפגענומען, אָבער ער האָט בעמערקט דאָס דער פּאַשאָ איז עפּיס היינט זייער פערזאָרגט, נישט וויסענדיג וואָס דער פּאַשא איז צוא איהם געקומען, אין וויא ער האָט געזעהן דאָס דער פּאַשא איז אַזוי אויפגערעגט וואָס דאָס איז נישט געוועזען קיין נאַטירליכע ערשיינונג ביא דעם גוטען פּאַשא, האָט זיך דער רב זייער דערשראָקען און האָט מיט אַצוטערענדיגע שטימע געפרעגט דעם פּאַשא זאָל נישט מיין פריינד ווידער עפּיס האָבען אַ וויכטיגע ידיעה מיר איבער צוא געבען וועגען אונזערע ברודער וויא דאָס פלעגט אין דער דאַמאָלסדיגער צייט פיהל מאָהל פּאָהרקומען דאָט דיא אַראַבער פלעגען אָרגאַניזערען אַנאָנפאַל אויף וועלכער יודישע שטאָדט אין בערויבען דאָס גאַנצע יודישע פערמעגען, און אַזוי אַפּאַל פלעגין זייא אַריין צוא שיקען קיין דמשק צום קליין וויזאָר, דאָס איז אַטערקישער גענעראַל געבונאַטאָר אַגרויסע מתנה און צוא בעטען ביא איהם שוץ, און ווייל דער פּאַשא איז געוועזען זייער אַגוטער צוא דיא יודען פלעגט ער זייא אין יעדען פאַל פריער צוא וויסען טוהן כדי זייא זאָלען זיך זעהן צוא

שאפען

שאַפּען שוין און דרובער האָט דער רב געמיינט אַז דער פּאַשא איז יעצט אויך צוא איהם געקומען מיט אַזוי אַ ידיעה און דרובער איז ער אַזוי אויפגערעגט ווייל ער פלעגט שטענדיג צוא האָבען מיטליידט מיט דיא יודען און פיהל מאָהל וואָס מען האָט נישט געקענט דיא געהעריגע סוממע צונויף זאַמלען פלעגט ער פון זיין קעשענע צוא דער לייגען כדי זייא זאָלען האָבען אַ שיינע מתנה צוא שיקען :

דער פּאַשא האָט זיך אַביסעל בערוהיגט און האָט געזאָגט צוא דעם רב מיין הערצליכער פריינד איך מיז מיר פער אייך ענטשולדיגען וואָס איך האָב ביז יעצט גאָהר נישט דער פון דערציילט ווייל איהר ווייסט דאָך דאָס אונזערע פרויען זענין זייער געליבט און אַפּרוי גייט צום קינד דער לאָזען זייא קיין שום אויסערליכען מענטש קיין ידיעה דערפין צו געבען אין דרובער האָב איך אייך מיין בעסטער פריינד נישט געגעבען קיין ידיעה דאָס מיין ליבע טאָכטער גייט צום קינד, אָבער דאָה האָט מיך לא עליכם איין אומגליק געטראָפען דאָס היינט איז שוין דער דריטער טאָג אין זיא האָט נאָך דאָס קינד נישט געהאַט איך האָב שוין גערופען אַלע היגע דאָקטוירים ווזיא אויך אַראָב געברענגט דיא גרעסטע פּראָפעסארען פין קאָנסטאַנטינאפאל אין זייא קענען גאָהר נישט העלפען צו ראַטיוועןביידע נפשות אין זייא האָבען מיר געגעבען דיא ברירה איך זאָל מיר אויסקלויבען וועלכעס איך וויל. צו מיין ליבע טאָכטער זאָל בלייבען לעבען מיז מען דאָס קינד צונעמען מיט אינסטרומענטען אין צו שניידען שטיקערוואַס, אין אויב איך וויל אַז דאָס קינד זאָל לעבען מיז איך לאָזען מיין טאָכטער אָפּערירען אין דאָה האָב איך שוין נישט צו ווענדען זיך צו וועמען וויא צוא אייך הערצליכער פריינד מיינער וואָס הייסט איהר מיך טוהן אין וועלכעס זאָל איך אויסקלויבען אָדער אפשר ווייסט איהר עפּעס אַ סגולה פער מיין ליבע טאָכטער מיט איהר קינד צו ראַטיווען אייער הייליגע תורה איז דאָך אַזוי רייך אין אַלעמען אין גיט דאָך אייך אַלע מאָהל הילף אין שטיצע אין אַלע נויטען, דער אַלטער האָט וויא אויפגעלעבט פער שמחה אין תיכף אַזאָג געגעבען צוא דעם פּאַשאָ פערצווייפעלט נישט מיין ליבער פריינד אייער טאָכטער וועט מיט השי״ת הילף בשלום האָבען אַלעבעדיג קינד אין זיא וועט זיין אַגעזונטע מיטער דערצו, אין ער האָט גענומען זיין אויבער מאַנטעל נישט ערקלערינדיג דעם פּאַשא וואָס ער מיינט מיט זיינע רייד אין האָט געזאָגט צו דעם פּאַשא קימט

מיט

מיט מיר ליבער פריינד אין אויפען וועג וועל איך אייך דערציילען וואס איך מיין מיט מיינע רייד, דער פאשא איז דיא גאנצע צייט זינט ער האט געהערט דעם אלטען רב'ס ערקלערונג וועגען דעם רעטונג פין זיין טאכטער געשטאנען וויא פערגליווערט ווייל ער האט דאך געהערט פין דיא גרעסטע פראפעסארען דאס עס איז נישט דאָה קיין שום האפענונג צו ראטיווען ביידע נפשות אין דאָה זאגט איהם דער רב אזוי מיט אזיכערקייט דאס זייא וועלען ביידע בלייבען לעבען, דער רב האט געזעהן וויא דער פאשא שטייט אזוי פערטראכט האט ער איהם אהנגענימען בייא דער האנד אין איז מיט איהם ארויס געגאנגען אין גאס האט זיך דער פאשא אביסעל דערמאנט וויא ער איז, אין האט פערווינדערט געקיקט אויף זיין פריינד דעם רב וויא ער פיהרט איהם, דער רב האט בעמערקט דאס דער פאשא האט זיך אויפגעהאפט פון זיין פערגליווערטקייט, האט ער איהם געזאגט יעצט וועל איך אייך בעסטער פריינד האבען איינמאהל אגעלעגענהייט אב צו דינען פאר אייערע פיעל לייטיגען לטובת אונזערע געדריקטע ברודער נעמליך אייער טאכטער מיט דעם קינד צו ראטיווען:

דיא מעשה איז אזוי עס איז שוין אלענגערע צייט דאס עס האט זיך בייא איינז בעזעצט אפאלישער רבי אין זיין פרוי דיא רביצין האט אזוי א זכות אין הימעל דאס אזוי וויא זיא קימט נאהר אויף דער שוועל פין א פרוי וועלכע גייט שווער צום קינד האט זיא דאס קינד בשלום אין יעצט גייא איך צו איהר. אין אזוי גייענדיג אין רעדענדיג האבען זייא דערגרייכט דאס וואהנונג פין הייליגען רבי'ן ר' הירשעלע קאמינקער, דער רב מיט דעם פאשא זענען אריין געגאנגען און האבען ר' הירשעלע דיא זאך ערקלערט וועגען וואס זייא זענען צו איהם געקומען ר' הירשעלע האט געהייסען דער רביצין גייען צו דעם פאשא'ס טאכטער אין אזוי וויא זיא האט גאהר איבער געטרעטען דיא שוועל פין דעם צימער וויא דעם פאשא'ס טכאטער איז געלעגען האט זיא תיכף געהאט דאס קינד אהן שום שוועריגקייטען, דיא שמחה וואס דארט איז געוואהרען איז גאהר נישט איבער צו שרייבען דער פאשא האט דעם רב ארום געארעמט אין געקושט פון גרויס פרייד, אין ער האט געפרעגט דיא רביצי'ן וויפיהל זיא וויל פער דעם וואס זיא האט געראטיוועט זיין ליבע טאכטער מיט איהר קינד. דיא רבי'צין האט איהם בלייכגילטיג גיענטפערט דאס איהר קימט גאהר נישט. דער פאשא האט

זיך

זיך זייער פערווינדערט אין ער האט זיא געפרעגט דיא ביסט דאך א ארימע פרוי אין דיא קענסט דיר בייא מיר אויסביטען וויפיהל געלט נאהר דיא ווילסט. אבער דיא רביצין האט איהם נאך אמאהל גיענטפערט דאס זיא פערלאנגט קיין שום געלט נישט דערפאר אין זיא נעמט פין קיין יודען אויך נישט קיין געלט דערפאר. דער פאשא האט זי זייער געבעטען זיא זאל בייא איהם נעמען א מתנה אין זיא האט זיך דערפין קאטעגאריש אבגעזאגט. האט ער געבעטען דעם רב ער זאל פרובען מיט איהר צו ריידען אפשר וועט ער בייא איהר פויעלען וויל עס קימט דאך איהר דאס געלד על פי דין יושר. וואהרען ווען מען זאל איהם געווען זאגען דאס עס איז פערהאנדען אדאקטער וועלכער וויל א הון רב וואס ער וועט אפשר קענען זיין טאכטער ראטיווען וואלט ער דאך אוודאי אוועק געגעבען אפילו אויף דעם ספק בפרט אז זיא. האט שוין זיין טאכטער גערעטיוועט אין פאר וואס זאל זיך דיא ארימע פרוי איינשפארען אין נישט וועלען בייא איהם קיין בעלוינונג אין עס איז פאר איהם אבזיון דאס ער זאל נישט בעלוינען זיינע וואהלטעטערס:

האט דער רב זיא געבעטען דאס זיא זאל נעמען בייא דעם פאשא אין ער האט איהר דערציילט דאס דער פאשא איז זייער גיט צוא דיא יודען אין ער מיינט גאנץ ערינסט דער מיט ער זאל נישט זיין קיין אומדאנקבארער, אבער דיא רביצין האט דעם אלטען רב אויך דאס אבגעזאגט, אין זיא האט איהר אבזאג מאטיווירט דער מיט דאס זיא האלט אז דאס וואס איהר איז פין הימעל געגעבען געוואהרען א מדריגה זיא זאל מיט איהר אריין קימען קענען ראטיווען מענטשען איז נישט אין איהר זכות נאהר אין איהרע עלטערענס זכות וואס זייא האבען זיך אלע מאהל מוסר נפש געוועזען פאר השי"ת אין זיין תורה. אין דרובער האט מען זיא אויך מזכה געוועזען מיט דער מצוה צוא ראטיווען דיא אלע פרויען פין דער סכנה דרובער קען זיא דיא מצוה נישט פערקויפען אין זיא האט אויך מורא פער אשלעכטע מחשבה דאס וויא באלד זיא וועט נאהר איינמאהל נעמען געלט דערפאר וועט זיך דער יצר הרע שוין צו איהר מאכען טענות אלע מאהל מיט אנדערע מצות אויף וואס דאס געלט צו פערנוצען. ביז זיא וועט פערגעסען אז דאס איז דער עיקר מצוה צו ראטיווען נפשות אין וועט מאכען א עיקר פין דיא מצות ו"אס זיא וועט אויף זייא פער נוצען דאס געלט אין

עס

עס קען זיך נאך מאכען אז זיא זאל זיך אויס ביטען געלט אין דיא אָרימע נויט בעדערפטיגע פרויען וועלען גאָהר נישט עטוואגען זיך צוא איהר צו ווענדען נאך הילף וויל זייא וועלען קיין געלט איהר נישט קענען געבען, אין דרובער בערעכענדיג דאס געפאהר פאהראויס האט זיא אויף זיך גענומען פין אהנהייב אהן אז זיא זאל אין קיין פאל נישט נעמען פין קיין שום פרוי קיין געלט בעלוינונג דער פאר. אין זיא קען איהר קבלה נישט ענדערען, דעם רב זעגען דיא ווערטער געפעלען אין ער האט זייא איבער געגעבען דעם פאשא. אין ער האט איהם געזאגט דאס דיא פרוי איז אפערשטאנדהאפטיגע אין דרובער איז עס גאהר נישט קיין שום בזיון אדער פחיתות הכבוד פאר דעם פאשא איהר ענטזאגען זיך פון דעם בעלוינונג:

דער פאשא בעטראכטענדיג גוט דאס ער וועט שוין גאהר נישט פועלען בייא דער רביצין זיא זאל בייא איהם נעמען וועלכע עס איז סומע געלד האט זיך אבער נאך נישט אבגעזאגט פון ארויס צוא ווייזען זיין גרויס דאנקבערקייט צוא דער רעטערען פון זיין ליבע טאכטער אין אייניקעל, וואס זייא זענען געוועזען אין א גרויסע סכנה, אין ער האט זיך געווענדערט צוא דער רביצין מיט אזוי אנערקלערונג, גיטהרטע פרוי בעטעדין פון מיינע קינדער אויב איהר האט אייך אין זמת צוליב אייער אייגען איננוצקייט געמאכט אצייל צוא ראטיוען כענטשען פון דער אונפערמיידליכע סכנה אין איהר האט אייך ענטזאגט נאך אללע מיינע פראטעקציאנען אהנצונעמען א געלד בעלוינונג, אבער איהר קענט דאך מיר נישט ענטזאגען אייך אויך צוא מוהן וועלכע טובה וואט דורך השם יתברך הילף האט דער מעכטיגער סולטאן איבער געגעבען אין מיין האנד. אין דרובער פאדערטזשע פון מיר וועלכע טובה וואס עס ליגט אינטער מיין אמט. אדער פון אצווייטען בעאמטען אין איך וועל מיך משתדל זיין דיא זאך צוא ערפילען אויף דעם בעסטען אופן:

דאס מאהל האבען דעם פאשא'ס ווערטער געהאט דעם געהעריגען ערפאלג, אין ווירקליך האט איהם דיא רביצין נישט ענטזאגט צו א אמטליכע טובה, אין האט דרויף דעם פאשא גיענטפערט דאס אזוי וויא זיא איז שוין אמענטש אויף דער עלטער אין זיא ווייסט נישט וויא לאנג זיא וועט נאך לעבען וואלט זיא זיך געהאלטען פאר א גרויסע זכיה צוא בעזיכען דיא הייליגע ערטער פון ארץ ישראל און

איבער הויפט דיא מערת המכפלה, אלזא אויב דער פאשא קען פאר איהר אויספויעלען א ערלויבעניש בייא דעם סולטאן אז זיא זאל קענען אריין גיין אין דער מערת המכפלה וואלט זיא דיזע זאך געהאלטען פאר דער גרעסטע בעלוינונג פון דעם פאשא:

דער פאשא איז אפילו אביסעל איבער גערעשט געוואהרען הערינדיג פון איהם דעם דאזיגען פערלאנג, ווייל דאס איז געוועזען איינס פון דיא שווערעסטע זאכען צוא פועלין בייא דעם סולטאן, אין נאהר און א אויסנאהמס פאלען פלעגט ער ערלויבען צוא בעזוכען פרעמדע מלוכה פאהרשטעהר דיא מערת המכפלה אבער ניט צוא קיין פריוואטע מענטשען:

אבער דער פאשא האט זיך איבער גערעכענט דאס ער איז דאך אייגענטליך און דעם זיך אליין שולדיג, מיט דעם וואס ער האט איהר געמאכט דעם פאהרשלאג צוא פערלאנגען פון איהם אנאמטליכע טובה, אין וויא גרויס וועט זיין איהר בעלוינונג אויב ער וועט קענען פאר איהר אויספויעלען א ערלויבעניש צוא בעזוכען דיא מערת המכפלה וועלכער קיין פריוואטע מענטש האט נאך נישט בעקומען אזוי א ערלובעניש ער זאל קענען אריין גיין ביז צוא דער צייט אלזא האט ער איהר גיענטפערט דאס אויב וואהל דאס עס האט נאך קיינמאהל קיין שום פריוואטע מענטש נישט בעקומען קיין ערלויבעניש וועל איך זיך משתדל זיין בייא אינזער מעכטיגען סולטאן פאר אייך אויס צו פויעלען דיא געהעריגע ערלויבעניש דיא רביצין איז דערפין זייער צופרידען געוועזען אין זיא האט דעם פאשא געדאנקט פאהראויס אין גלייכצייטיג געווינטשען ער זאל נושא חן זיין בייא דעם סולטאן ער זאל דעם דאזיגען השתדלות גרינג קענען אויספיהרען, דיא געסט האבען זיך געזעגענט מיט דעם פאשא אין זענען אוועק יעדען אהיים נאהר דער קאנסטאנטינאפאלער פראפעסאר איז נאך געוועזען בייא דעם פאשא, דער פראפעסאר איז זייער אויפגעבראכט געוועזען אויף דער רביצין וואס דורך איהר איז ער געוואהרען צוא שאנד אין שפאט דאס ער האט מיט זיין גרויסע פראפעסיע געוואלט אומברענגען א נפש אומבעדינגט אין דיא גאהר פשיטע יודינע האט דאס נפש גערעטיוועט אלזא האט ער נאהר געזוכט אפלאן וויא אזוי דיא רביצין אומצוברענגען אין זייא אוועק צו רוימען פון דעם וועג זיא זאל נישט זיין קיין טעמא אין מענטשענס מאהלער אז זיא האט מעהר אויפגעטהין וויא דער גרויסער

קאנסטאנטינאפאלער

קאָנסטאַנטינאָפּאָלער פּראָפעסאָר. נאָהר וויא אַזוי קען ער דיא זאַך אַדורך פיהרען אין דער צייט ווען ער האָט גאַנץ גיט געוויסט דאָס דער פּאַשאָ וועט זיא שיצען פון אַלע מעגליכע אָהנפאַלען:

אָבער וויא גרויס איז געוועזען דעם פּראָפעסאָרס שמחה הערענדיג פון דעם פּאַשאָ דאָס דיא פרוי האָט פערלאַנגט פון איהם אַלעס בעלוהנונג אַז ער זאָל זיך משתדל זיין ביים דעם סולטאַן וועגען אַנערלויבעניש אַריין צו קימען אין דער מערת המכפלה, אין דאָה האָט ער שיער נישט געטאַנצט פאַר פרייד וויל יעצט איז איהם גאָהר איינגעפאַלען אַנאָרגינעלער פּלאַן וויא אַזוי זיא אָבצורוימען אין עס זאָל אפילו קיינער נישט וויסען נעמליך ער וועט איבער קויפען דעם וועכטער פון דער מערת המכפלה דאָס אַזוי וויא דיא רביצין וועט אראָב גיין אויף דיא שטיגען זאָל ער תיכף פערשליסען דיא טיהר אין דיא פרוי וועט שוין פון דאָרט קיינמאָהל נישט צוריק קימען דאָס איז זעלבסט פערשטענדליך גאַנץ לייכט געוועזען בפרט נאָך אַז ער האָט דעם וועכטער וואָס ער איז געוועזען אַפערנאַטישטער אַראַבער איינגערעדט דאָס דיא זאַך פון איבער טרעטען דיא מערת המכפלה דורך נישט קיין מאַכמעדאַנער איז אַפערברעכען נאָהר ער איז אָהנמעכטיג אַנטקעגען צו שטעלען זיך דעם פּאַשא און דרובער איז דיא פרוי וואָס פערשוועכט דאָס הייליגטהום מחויב דאָרט צוא שטאַרבען.

דער פּראָפעסאָר האָט דעם פּאַשאָ תיכף געזאָגט דאָס ער דאַרף זיך שעצען גליקליך וואָס דיא פרימע פרוי האָט פון איהם פערלאַנגט אַבעלאָהנונג, און האָט איהם צוא געזאָגט אינטער צוא שטוצען ביים דעם סולטאַן מיט זיין גאַנצען פערזעהנליכען איינפלוס זייא האָבען זיך תיכף געלאָזט פאָהרען קיין קאָנסטאַנטינאָפּעל צוא דעם סולטאַן און דער פּראָפעסאָר האָט טאַקע געהאַלטען וואָרט אין אינטער געשטיצט דעם פּאַשאָ׳ס בקשה און פאַר דעם סולטאַן געשילדערט דעם גרויסען זכות פאַר איהם צו מאַכען אַ אויסנאַהם אין איהר ערלויבען אריין קומען אין דער מערת המכפלה אריין. דער סולטאַן האָט דיא ערלויבעניש געגעבין אין דער פּאַשא האָט דאָס אויך צוא גערעכענט פאַר דעם גרויסען זכות פון דער רביצין וויל עס איז איהם בשעת ווען זי האָט איהם דאָס פאָהר געשלאָגען אויס געקומען וויא אַ פאַנטאַזיע דאָס דער סולטאַן זאָל זיין בקשה דערפילען, אָבער דער פּראָפעסאָר האָט גאַנץ אַנדערש געקלערט, אין אַזוי וויא דער פּאַשא האָט זיך מיט איהם געזעגענט אין איז אַהיים געפאָהרען מיט דעם

ערלובעניש

ערלויבעניש איז ער געפאָהרען קיין חברון און דאָרט אָפּ געהאַנדעלט מיט דעם וועכטער פון דער מערת המכפלה די פרוי דאָרט צו פערשליסען אין ער איז זיך אַהיים געפאָהרען גאַנץ פריילעך וואָס דיא פרוי אַליין האָט איהם געגעבין דיא געלעגענהייט צוא איהר פערדערבין. דער פּאַשא איז אַהיים געקומען און ער האָט די רביצין געגעבין די ערלויבעניש אריין צוא גיין אין דער מערת המכפלה האָט זיא זיך אָהנגעהויבען צוא צוגרייטען דערצוא מיט סגופים און תשובה, און נאַכהער איז זי געפאָהרען קיין חברון אין האָט דעם שומר איבער געגעבען דיא ערלויבעניש אויף וועלכען ער האָט זיא תיכף אַריין געלאָזט. אָבער וויא זיא איז אַראָב בעגאַנגען עטליכע שטיגען אין האָט זיך פערטיעפט אין תפילה האָט זיא גאָהר ניט בעמערקט וויא דער וועכטער האָט פערמאַכט דיא טוהר. נאָהר וויא זיא האָט שוין גיענדיגט דיא תפילה איז זיא צוריק געגאַנגען אָבער דאָה האָט זיא געטראָפען דיא טוהר פערשלאָסען זיא האָט געקלאַפּט אין געשריגען מיט איהרע לעצטע קרעפטען מען זאָל איהר עפענען אָבער קיינער האָט איהר נישט גיענטפערט. עס האָט אויך נישט געהאָלפען קיין וויינען און שרייען. האָט זיא יעצט פערשטאַנין אַז דאָס האָט מען איהר עקסטרע געטוהן אַלעס קנאָה וואָס זי האָט בעטרעטען די מערת המכפלה, האָט זיא אָהנגעהויבען צו בעטען ביא השי״ת היות דאָס וואָס זיא דאַרף דאָה שטאַרבען אַרט איהר נישט ווי? זיא איז דאָך שוין אויף דער עלטער אין וויא לאַנג וואָלט זיא דען געלעבט נאָר וויא קען זיא פערשוועכען דאָס הייליגע אָרט וויא דיא אבות ואמהות הקדושים ליגען זיא זאָל אויך דאָה ליגען, אין זיא האָט אַזוי שטאַרק געוויינט ביז זיא איז געבליבען פערחלשט. פלוצלינג האָט זיא בעמערקט וויא אַמענטש וועקט זיא אויף אין אַז זיא האָט געעפינט דיא אויגען האָט זיא געזעהן לעבען איהר זייער לעכטיג אין אַמענטש שטייט לעבען איהר אין ער טראָגט אַגילדענע קרוין אויפן קאָפּ אין אַ קליין ספר׳ל אינטער דיא אָרעם, דער מענטש זאָגט צוא איהר מיין טאָכטער שרעק נישט דיא וועסט נישט שטאַרבען דיא האָסט נאָך יאָהרען צום לעבען, איך בין אייער זיידע דוד המלך וועלכעס איהר זאָגט שטענדיג מיין תהלים אין ער האָט אַפּעהר געגומען דאָס ספר׳ל פין אינטער דיא אָרעם אין האָט איהר געוויזען אַז דאָס איז דער תהילים, אין וייל דיא ביסט פין מיינע אייניקלעך בין איך אַליין געקומען דיך מציל זיין אין ער האָט זי צו געפיהרט צו אַקליין טוהרען אין האָט איהר גיעפינט אין וויא זי איז ארויס געגאַנגען איז זיא געשטאַנען בייא איהר הויז:

## א ווינדערליכע ערצעהלונג פון רבין ר׳ זוסיא פון אניפאליע ז״ע:

דער צדיק רבי ר׳ זוסיא פון אניפאליא איז געוועזן א שמש און דער שטאדט אוסטהרא. זיין שטייגער איז געווען צוא פאסטען דרייא טעג נאכאנאנד. און נאך דיא דרייא טעג פלעגט ער געהן בעטען פון א בעל הבית א שטיקל ברויט צוא ערקוויקען זיין נפש כדי ער זאל קענען נאך דעם וויטער פאסטען:

איינמאהל האט ער געטראכט אין הארצען, אפשר איז דאס איין חסרון אמונה צוא געהן בעטען א שטיקעל ברויט בייא איין מענטש; עס איז גלייכער זיך צוא פערזיכערען אויף השי״ת און גלייבען באמונה שלימה אז גאט שפייזט יעדען, אמאהל האט ער געפאסט דרייא טעג ווִיא זיין שטייגער איז געוועזן, נאך דעם תענית איז ניט געוועזן ווער עס זאל איהם געבין א שטיקעל ברויט. אין הימעל איז געווארען א גרויסער רעש אין דיא גאנצע שטאדט האט זיך ניט געפינען איינער וואס זאל ווערט זיין צוא פערדינען דיא גרויסע מצוה מחיה צוא זיין א נפש פון אזוי א קדוש וויא דער רבי ר׳ זוסיא איז געוועזען. האט איהם השם יתברך בעשאפען אין מויל וויא צוויא קוואלען פון איינע האט ער געזויגען מילך און פון דעם צווייטען קוואל האניג. דרייא חדשים האט ער זיך אויף דעם אופן מפרנס געווען, נאכדעם איז אייבער געקומען צוא איהם אונ האט איהם געזאגט זוסיא. נא דיר זעכס גראשען כדי זאלסט האבען צוא קויפען ברויט זאלסט דיך קענען שפייזין.

און אזוי וויא דער רבי ר׳ זוסיא האט צוא גענימען דיא זעכס גראשען ביי דעם מענטשען. און דעם זעלבען אויגען בליק האט אויפגעהערט צוא רינען אין זיין מויל דיא מילך מיט דעם האניג. און דער מענטש וואס האט איהם גיגעבען דיא זעכס גראשען ער זאל זיך האבין צו שפייזען האט איהם דער רבי ר׳ זוסיא גיגעבין א ברכה אז ער זאל מאריך ימים זיין ער מיט זיינע קינדער, און דיא ברכה איז אין זייא מקוים גיווארען, השי״ת זאל אינק העלפין אז מיר זאלען זוכה זיין צוא נחמות ציון וירושלים:

---

# אמת ואמונה

## א ווינדערליך ערצעהלונג פון רבי'ן ר' מענדעלי מרימנוב און ר' נפתלי ראפשיצער זכותם יגן עלינו:

מיט יאהרען צוריק איז גיוועזין א מנהג אז יעדער פריץ האט געהאט צוא שאפען איבער די מענטשין וואס האבען ביי איהם געוואהנט אין דארף. און ער האט געקאנט מיט זייא טוהן וואס ער האט נאהר געוואלט . ער האט אפילו געקאנט בעשטראפען מיט טוידט שטראף . און עס האט זיך געטראפען וואס א יוד האט געוואהנט בייא אזוי א פריץ און דער יוד איז שולדיג גיוועזין דעם פריץ פיהל געלד און דער יוד האט נישט געהאט צו בעצאהלין דעם פריץ זיין חוב . האט דער פריץ צו איהם גישיקט אז ער זאל איהם בעצאהלין וואס איהם קומט, אונ אויב נישט זאל ער זיך צו איהם נישט אריין ווייזין, אונ זאל זיך איינשטעלין צו קומין בעטין, ווארין אז ער וועט קומין בעטין מיט די ליידיג הענד. וועט מען איהם שלאגין מיט ריטער, וויא דער מענטש האט געהערט דיזע אללע רייד. האט ער זיך נישט גיוויסט א עצה צוא געבין איז ער גיגאנגין צום רבי'ן ר' נפתלי קיין ראפשיץ אונ ער האט פאר איהם אויס גיגאסין זיין ביטער הארץ, אויך האט ער איהם דער ציילט אז ער קען נישט גיין זיך בייא איהם בעטין. ווארין אז ער וועט אהין גיין זיך אב בעטין וועט מען-איהם שלאגין איהם דער בארמיגע שלעק. האט איהם דער רבי געזאגט , זאלסט נישט גיין צים פריץ אונ דער איבערשטער וועט דיר העלפין אונ דיא זאלסט נישט איבער ענטפערין דיין גוף צוא קלעפ , איז ער אהיים גיקומען און האט דער ציילט זיין בני בית וואס דער רבי האט איהם געזאגט , האט זיין בני בית איהם גיענטפערט . דיא ווייסט דאך אז נאך און א קליינע צייט וועט דער פריץ שיקען זיינע שליחים אונ זיי וועלין אונז ארויס יאגען פון דאנין, האבין זייא איהם א עצה גיגעבין אז ער זאל פאהרען צום רבי'ן ר' מענדעלי קיין רימינוב , און וויא ער איז געקומין קיין רימינוב און דער ציילט דעם רבי'ן זיין ביטערע לאגע, האט דער רבי איהם גיענטפערט וואס איז דאס אזוי א גרויסער שטארים . גייא צו דעם פריץ אונ זאלכט איהם בעטין. אין אויב ער וועט דיר הייסין געבען פיהר אדער פינעף קלעפ , דיא וועסט פון דעם נישט ח"ו קראנק ווערין , דער פריץ וועט דיר דער נאך גוטס טוהן. אין דער מענטש איז אהיים גיפאחרען

אין

און האט דער צײלט זײן בני בית וואָס דער רבי ר׳ מענדעלי האָט איהם געהײסען טוהן. און איז גיגאַנגען צוא דעם פריץ, ווי׳א דער פריץ האָט איהם דער זעהן האָט ער איהם געהײסען שלאָגען פינף קלעפ און ער האָט גאָהר נישט געהאָרכט זײן גיוויין נאָך דעם ערשטין קלאַפ און נאָך דעם צווײטען. ביז מען האָט גיגעבין פינף קלעפ, דאַמאָלס האָט ער זיך אַבידער געזעצט אין א ווינקעלע אין ער האָט זײער געוויינט, ווי׳א דער פריץ האָט געהערט זײן גיוויין, האָט ער אויף איהם רחמנות בעקומין. און האָט געזאָגט וואָס זאָל ער געבעך טוהן דער פערשניטענער יוד אז ער האָט נישט נאָהר זײן גוף אַלײן, האָט דער אײבערשטער גיגעבין דעם חן פון דעם יוד בײא דעם פריץ אין די אויגין, האָט דער פריץ צו גיריפין אונ זאָגט צוא איהם, דאָס וואָס די בּיסט מיר שילדיג פון לאנג וועל איך עס אויס מעקין פון מײן ביך נאָהר פון יעצט אָהן וועל איך רעכינין, אונ פאַר די פינף קלעפ וועל איך דיר מערין צו געבין פינף קלאַפטער האָלץ יעדעס יאָהר. אויך צ לאָנקע צוא פאַשין דײנע בהמות. איז זיך דער יוד א היים גיגאַנגין זײער פריילין, אונ איז זיך גיפאָהרין צוא דעם רבי׳ן ר׳ מענדעלי ז״ל צו דער צײלין איהם וואָס פאַר אַ טובות ער האָט מיט איהם געטוהן. דאַמאָלס האָט איהם דער רבי גיענטפערט וואָס האָסט די גיקלערט אויף דעם ראָפשיצער וואָס ער האָט דיך נישט געהײסין גיין, דאָס איז נישט ווייל ער האָט דאָס אויך גיזעהן ברוח הקודש, נאָר ער האָט אויף דיר רחמנות געהאַט דאָרך דיזע פינף קלעפ וואָס מען וועט דיר געבין, דעריבער האָט ער דיך נישט געהײסין אַהין גיין אָבער איך האָב גיזעהן אז די וועסט דאָרך דיזע פינף קלעפ פערדינין. דעריבער האָב איך דיך געהײסין אַהין גיין, דער נאָך האָט ר׳ מענדעלי ווידער גיזאָגט דאָס צווייטע מאָהל דער ראָפשיטצער זעהט מיט דעם רוח הקודש פון נאָהנטינס און איך זעה פון ווייטינס:

---